YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv07i28

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 7 Issue 28
July 1925

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 7, Iss. 28)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/357

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב כ"ז, ו'.) אן מיין גערעכטיג־קייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. VII. No. 28. | New York, Friday, July 10, 1925. | פרייטאג, 10טער דזשולאי, 1925 | PRICE 3 CENTS

א וויכטיגע ערקלערונג פון פרעז. מאריס זיגמאן

דער פאקט, אז די קאמוניסטען מיט זייערע אונטערשטיצער פון די סוספענדירטע עקזעקוטיוו מעמבערס האבען ביי זיך באשלאסען צו גרינדען אן „אינדעפענדענט" סולקעס קרעמעל, האט זיך ארויסגעוויזען גלייך ווי מען האט געבראכט די קלאגען געגען זיי. נאך איידער דער טריעל איז פארגעקומען, נאך איידער מען האט וואס עס איז ארויסגעבראכט האבען זיי שוין געפרואווט פארכאפען די אפיסעס פאר דער קאמוניסטישער קאמאנדע. זיי האבען אויפגעהאנגען נייע שלעסער אויף די טירען, און שליסלען האבען זיי געגעבען בלויז צו „אייגענע" מענשען, צו קאמוניסטען, אבער ניט צו באאמטע און מעמבערס פון די לאקאלס, וועלכע האבען ניט באלאנגט צו זייער קליקע. דאס האט קלאר באוויזען, אז זיי פיהלען זיך שולדיג און אז זיי טרייען מיט גוואלד אנהאלטען זיך אין דער ארגאניזאציע, און בלייבען ביים שיסעל.

אין פארלויף פון די טריעלס און זינט די קלאגען זיינען געגען זיי געמאכט געווארען זיינען דיזע ווערקצייג פון דער קאמוניסטישער געזינדעל באגאנגען אזוי פיל פארברעכענס געגען דער ארגאניזאציע, אז זיי האבען דערמיט זיך אליין ארויסגעשטויסען ניט נאר פון אונזער אינטערנעשאנאל, נאר אויך פון דער גאנצער ארבייטער באוועגונג.

עס איז לעכערליך צו דענקען, אז דיזע הייפעלע קאמוניסטלאך מיט זייערע נאכשלעפער זיינען בכוח צו שפאלטען אונזער אינטערנעשאנאל. די קלאוק און דרעסמאכער וואס זיינען ארגאניזירט אין אונזערע יוניאנס פאר די לעצטע 14־15 יאהר זיינען שוין גענוג דערוואקסען אלס יוניאן לייט צו באגרייפען אז דיזע חברה וואס גלויבען ניט אין דער פעהיגקייט פון די מאסען זיך אליין צו פיהרען, זיינען נאר אויסען צו ווערען דיקטאטארס און ארויפלייגען זייערע לאפעס אויף אונזער ארגאניזאציע. אונזערע קלאוק־ און דרעסמאכער וואס האבען שוין געגוג ערפאהרונג געהאט מיט סקעב־אגענטען וועלען זיך אויסלאכען פון דיזע נייע יוניאן־ברעכער און אוואנטוריסטען, און די הייפעלע סוספענדירטע עקזעקוטיוו באארד מענשען וואס שלעפען זיך נאך מיט דער אומפאראנטווארטליכער קאמוניסטישער געזינדעל.

זיי האבען זיך איצט אונטערגענומען צוזאמענצוטרייבען א מיטינג אין „יענקי סטאדיום", וויל איך ערקלערען, אז דאס איז ניט קיין יוניאן מיטינג און האט ניט קיין שייכות מיט דער יוניאן אדער מיט׳ן טרייד. עס איז אן אויסשליסליך קאמוניסטישע מאכינאציע. זיי רופען איהם אלס א פארצווייפעלטען לעצטען שריט. זיי ווייסען, אז זיי האלטען זיך אויף הינערשע פיסלאך אין דער ארבייטער באוועגונג און זיי שפילען איצט זייער לעצטע קארט.

די שטעלונג, וואס די אינטערנעשאנאל האט גענומען צו זיי און צו אלע זייערע נאכפאלגער צו מאכען דיזע פעסט אומשעדליך איז ניט נאר אונזער קאמף, נאר א קאמף וואס מיר מאכען פאר דער גאנצער ארבייטער באוועגונג. דאס פארשטעהען די קאמוניסטען גאנץ גוט און זיי ווייסען, אז עס מיינט זייער פארניכטונג אין דער באוועגונג, און דערפאר זיינען זיי אזוי פארצווייפעלט, און ווארפען זיך אויף אלע זייטען.

עס איז גאנץ מעגליך, אז א היבשע ביסעל קלאוק און דרעסמאכער וועלען אויף טשיקאוועס קומען צו דיזען סקעב־מיטינג, צו הערען וואס פאר גאל דיזע אוואנטוריסטען וועלען אויסשפייען אויף דער יוניאן. זיי וועלען קומען אויס נייגעריגקייט, צו זעהן די קאמעדיע וואס די קאמוניסטישע פאיאצען וועלען פארשטעלען. זיי וועלען זיכער הערען שענדליכע אטאקעס און פארלוימדונגען אויף דער יוניאן פאר וועלכער די קלאוק־ און דרעסמאכער האבען זיך יאהרען לאנג געקעמפט, און זייער שוויים און בלוט אוועקגעגעבען אויפצובויען איהר. דיזע קלאוק־ און דרעסמאכער בעט איך, זיך צו קאנטראלירען און ניט צו שטערען די קאמוניסטישע קליקע אנצוגעהן מיט זייערע סקעב העצעס. איך בעט דיזע קלאוק און דרעסמאכער וואס וועלען זיין ביים סקעב מיטינג ניט צו ווערען אויפגערעגט, כדי ניט צו געבען דיזע חברה לייט און זייערע געדונגענע גענגסטערס א מעגליכקייט צו באפאלען און שלאגען איבערגעבענע, ערהרליכע יוניאן לייט און דערנאך זאגען, אז מיר האבען צושטערט זייער סקעב מיטינג.

א ווארנונג צו די מעמבערס פון די לאקאלס 2, 9 און 22

די מעמבערס פון די לאקאלס 2, 9 און 22 ווערען אויפגעפאדערט צו צאהלען דיוס און אנדערע צאהלונגען אין דער יוניאן, בלויז אין דעם אפיס בילדינג פון דזשאינט באארד און אין די לאקאל אפיסעס פון לאקאל 2 און לאקאל 9.

אין דער זעלבער צייט ווערען די מעמבערס געווארענט ניט צו צאהלען קיין דיוס, אדער מאכען אירגענד וועלכע אנדערע צאהלונגען אין 16 וועסט 21טע סטריט, אין דעם אפיס פון לאקאל 22, וואס די קאמוניסטען האבען פארנומען און האלטען איבער געוואלד. די צאהלונגען, וואס וועלען געמאכט ווערען אין יענעם אפיס אדער אין אירגענד וועלכען אנדערען פון זייערע אפיסעס, וועלען ניט אנערקענט ווערען. די מעמבערס וואס וועלען דארט מאכען אירגענד וועלכע צאהלונגען וועלען דורך דעם אקט זיך אליין אויסשליסען פון דער יוניאן און וועלען פארלירען דאס רעכט אויף די אלע בענעפיטס וואס די יוניאן גיט זיי.

אברהם באראף,
סעקרעטאר־טרעזשורער א. ל. ג. וו. י.

ענטשיידונג פון גאווערנאר׳ס קאמיסיע וועט ארויסגעגעבען ווערען דעם פרייטאג, 10טען דזשולאי

מיטוואך אין דערפריה איז ערשינען אין די צייטונגען די נייעס, דאס גאווערנאר סמיטה׳ס ספעציעלע קאמיסיע אין קלאוק טרייד האט שוין ארויסגעגעבען אן ענטשיידונג, און דאס זי האט געמאכט געוויסע רעקאמענדאציעס.

דאס איז ניט אמת. די קאמיסיע וועט ארויסגעבען איהר ענטשיידונג פרייטאג, דעם 10טען דזשולי, ארום 5 אזייגער נאך מיטאג אין דער באר אסאסיאיישאן בילדינג, אויף דער 43טע גאס. דארט וועלען זיין אנוועזענד די פארשטעהער פון אלע צדדים אין דער קלאוק אינדוסטריע און די ענטשיידונג וועט אפיציעל ארויסגעגעבען ווערען.

דזשארדזש גארדאן באטעל, דער טשערמאן פון דעם גאווערנארס קאמיסיע, האט מיטוואך געמאכט א סטייטמענט, דאס קיינער זאל ניט שענקען קיינע אויפמערקזאמקייט צו די נייעס אין די צייטונגען וועגען דער קאמיסיעס ענטשיידונג. די נייעס וועגען דעם, זאגט ער — איז ניט אפיציעל און, איז פארפיהרעריש און טראגט ניט אויף זיך קיין שום פאראנטווארטליכקייט.

די אמת׳ע ענטשיידונג פון גאווערנאר׳ס קאמיסיע וועלען מיר קאנען געבען אין די „גערעכטיגקייט" ערשט די קומענדע וואך.

ווער איז ל. בודין — בודיאנאוו?

א געוויסער לאיער מיט׳ן נאמען ל. בודין, אמאל האט ער געהייסען בודיאנאוו, איז אויפגעטראטען אלס א באשיצער פון די קאמוניסטישע אגענטען, וואס ווילען דווקא צוברעכען די איצטיגע, עקזיסטירענדע יוניאנס, און ער זוכט זיך צו מאכען פאפולער אין די צייטונגען מיט פארשיידענע סטייטמענטס. מיר וועלען דעריבער איהם צוהעלפען ווערען מעהר פאפולער, און וועלען דערצעהלען עפעס פון זיין פארגאנגענהייט.

אין דעם יאהר 1908 איז דער זעלבער לאיער ל. בודין, בודיאנאוו, אויפגעטראטען אין א קאורט צו באקומען אן אינדזשאנקשאן פאר א ליידיס ווייסט מאנופעקטשורער מיט׳ן נאמען א. ראטמאן, פון וואוסטער סטריט, ניו יארק, און ער האט דעם אינדזשאנקשאן באקומען. געגען דער דאזיגער פירמא איז דעמאלט געפיהרט געווארען א סטרייק פון דער ליידיס ווייסטמאכער יוניאן פון יענער צייט.

(שלוס אויף זייט 2)

פילאדעלפיא דזשאינט באארד שטיצט די שטעלונג געגען קאמוניסטישע פעסט אין דער יוניאן

דער דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער יוניאן אין פילאדעלפיא האט אויפגענומען די סיטואציע אין דער יוניאן פון ניו יארק, און דער באארד האט באשלאסען צו שטעהן גאנץ און פול מיט דעם ניו יארקער דזשאינט באארד און די אינטערנעשאנאל אין דעם קאמף צו פארטרייבען די קאמוניסטישע פעסט, וואס האט זיך פארשווארען צו רואינירען די יוניאן.

וועגען דער אנגעלעגענהייט האבען מיר באקומען פון פילאדעלפיער דזשאינט באארד דעם פאלגענדען צושריפט:—

ביי א רעגולאר מיטינג פון דעם דזש. באארד, קלאוק און סקוירט מייקערס יוניאן פון פילאדעלפיא, באשטעהענד פון די לאקאלס 40, 47, 53, 69 און 71, אפגעהאלטען דעם 1טען דזשולי, 1925, אין אפיס פון דער יוניאן, 232 נארט 9טע סטריט, איז איינשטימיג בעשלאסען געווארען גוט צו הייסען די יעצטיגע גערעכטע האנדלונג פון דער אינטערנעשא־

(שלוס אויף זייט 2)

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 28

זייט 2. דער יוניאנס פאדערונגען פאר׳ן גאווערנאר׳ס קאמיסיע.
זייט 3. וואס הערעפט זיי דאס לייקענען? — מ. י. אשפיז. אין דער סקוירטמאכער יוניאן לאקאל 23 — ל. פינקאווסקי.
זייט 4. פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען — מ. פיינסטאון. אינטערנעשאנאל קאלענדאר — ה. סקולמאן. ערקלעהרונג פון א גרופע מעמבערס פון לאקאל 2.
זייט 5. מיטינג פון דזשאינט באארד קלאוק און דרעסמאכער יוניאן — דזש. פיש.
זייט 6. קאמוניסטישע אגענטען ווילען פראוואצירען אין דער יוניאן א ברודער קאמף. נאך אנדערע נייעס.
זייט 7. די גוי׳אישע שנור (ערצעהלונג) — תלוש. א פרימיטיוו (געדיכט) — נחום י.
זייט 8. רעדאקציאנעלע נאטיצען.
זייט 9. די קאמוניסטישע מגפה אין אונזערע יוניאנס — מאריס זיגמאן.
זייט 10. פראפארציאנעלע רעפרעזענטאציע אין דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד — מ. שוטין. קורץ און שארף — י. ב. ג.
זייט 11. די אידישע ארבייטער אין פוילען קעמפען פאר רעכט אויף ארבייט און אויף לעבען — ז. ארטור.
זייט 12. אן אלטע געשיכטע — דר. ב. הרבאווסקי. וואס־זשע טו איך? — רשע לעבעדיקער.
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14 און 15. אדווערטייזמענטס.
זייט 16. אגרויסער עולם פארברענגט זעהר שעהן דעם 4טען דזשולי אין יוניטי האוז — ל. פינקעלשטיין.

מאסען קלאוקמאכער זיינען בארעכטיגט צו ארבייטסלאזען בענעפיט

אלע וואס זיינען בארעכטיגט וועלען באקומען די פולע צאהל וואכען.

וואס לענגער עס געדויערט דער סלעק סיזאן, אלץ מעהר קלאוקמאכער ווערען בארעכטיגט צו באקומען ארבייטסלאזען בענעפיטס פון דעם אינשורענס־פאנד. און אין דעם אפיס, וואו דער בענעפיט ווערט אויסגעצאהלט, האט גענומען ווערען אלץ ענגער — דער אפיס איז צו קליין געווארען.

און דער אינשורענס־פאנד האט געעפענט נאך אן אפיס, א צווייטען, אום צו קענען בעסער אטענדען די גרויסע צאהל קלאוקמאכער, וואס קומען מיט פארשידענע אנפראגען. דער צווייטער

(שלוס אויף זייט 2)

שעהנע, ענטוזיאסטישע מעמבער־מיטינגען פון די לאקאלס 9, 10 און 22

(שלוס פון זייט 1)

רערנער האבען באקומען, האבען עדות געזאגט, אז די אנוועזענדע האבען איינגעשטימט מיט די רעדנער. און די אנוועזענדע פינישערס האבען זיך אויך פארפליכטעט צו שטעהן מיט'ן דזשאינט באארד און מיט דער אינטערנעשאנאל, ביז די יוניאן וועט מאכען אומשעדליך אלע איהרע שונאים, פון אינעווייניג און פון דרויסען, וועלכע לויערען אויף איהר לעבען, וועלכע זוכען איהר אומצוברענגען.

דאס איז אויסגעדריקט געווארען אין די רעדעס פון די מעמבערס, וואס האבען זיך געמאלדען צו א ווארט אויף דעם מיטינג, און דאס איז אויך אויסגעדריקט געווארען אין דער רעזאלוציע, וואס די גאנצע פערזאמלונג האט אנגענומען.

די רעזאלוציע לייענט זיך, ווי פאלגט:

„מיר די מעמבערס פון לאקאל 9, א. ל. ג. וו. י., פערזאמעלט ביי א מיטינג, מאנטאג אווענד, דעם 29טען יוני, אין 3 וועסט 16טע סטריט, אויסהערענדיג דעם באריכט פון אונזער פרעזידענט, בר. מארים זיגמאן, וועגען די פאסירונגען אין אונזער יוניאן, — נעהמען אן די פאלגענדע רעזאלוציע:

נעהמענדיג אין אנבאטראכט, דאס די מעטארען און מיטלען און די שענדליכע אטאקעס, וואס זיינען געמאכט געווארען אויף אונזער יוניאן פון די געוועזענע עקזעקוטיוו באארד מעמבערס און מענשען וואס האבען אריינגעבראכט א ברודער־קריג אין אונזער לאקאל;

נעהמענדיג אין אנבאטראכט, אז די שענדליכע האנדלונג פון די געוועזענע מעמבערס פון דער עקזעקוטיוו באארד קען פיהרען צו דער פארניכטונג פון אונזער יוניאן, וואס איז מיט בלוט און מיה אויפגעבויט, —

זיי עס באשלאסען גוטצוהייסען די האנדלונג פון דעם דזשאינט באארד און פון דער אינטערנעשאנאל צו סוספענדירען די געוועזענע עקזעקוטיווע און דעם מענעדזשער, און מיר פארפליכטען זיך צו שטעהן מיט דער אינטערנעשאנאל און מיט דעם דזשאינט באארד און מיט דעם ציטווייליגען פארוואלטער פון לאקאל, בר. סארקין, ביז די־זע מענשען וועלען דיסציפלינירט ווערען. מיר פאדערען אויף די אינטערנעשאנאל זאל וואס שנעלער מאכען אן ענד צו דיזען כאאס אין דער יוניאן. מיר פאדערען אויף אלע לאיאלע מעמבערס פון לאקאל 9 צו גרופירען זיך נעהנטער ארום דער יוניאן און שטעהן מיט דער פארוואלטונג פון לאקאל."

דער מיטינג האט אויך באשלאסען אינגיכען איינצורופען א דזשענעראל מעמבער־מיטינג פון לאקאל 9 אין א גרויסען האל.

דער מיטינג פון די קאטערס יוניאן, לאקאל 10

די קאטערס יוניאן, לאקאל 10, האט דינסטאג אווענט אפגעהאלטען א רעגולערען מעמבער־מיטינג אין ארלינגטאן האל, סט. מארקס פלייס, און אויך דער מיטינג איז געווען זעהר א שעהנער, און ענטוזיאסטישער. כאטש יענעם אווענט איז געווען א גרויסער רעגען־שטורם, מיט דונערען און בליצען, איז דער גרויסער עולם געקומען און דער ארלינגטאן האל איז געווען געפאקט. דאס איז געווען דער ערשטער מעמבער־מיטינג וואס דער לאקאל האט אפגעהאלטען זינט וויס־פרעזידענט דוד דובינסקי, דער מענעדזשער פון לאקאל 10 האט זיך צוריקגעקערט פון זיין קורצע רייזע אין איירופא, און די קאטערס, האבען איהם געגעבען א זעהר ווארימע, און אמת ברידערליכע אויפנאהמע. די אוואציע פאר איהם האט אנגעהאלטען ארום 10 מינוט צייט.

אויך אויף דעם מיטינג איז אויפגענומען געווארען די פראגע פון די סוספענדירטע עקזעקוטיוועס.

וויס־פרעזידענט דובינסקי האט ביי דער געלעגענהייט געהאלטען א זעהר געלונגענע רעדע. ער איז אנגעקומען אין ניו יארק פרייטאג אין אווענט, אבער אין די פאר טעג, ביז דינסטאג, האט ער זיך גוט באקאנט מיט דער לאגע אין דער יוניאן און האט זיך באלד אריינגעווארפען אין דער ארבייט. אין זיין רעדע האט ער קלאר געמאכט פאר די קאטערס וועגען וואס עס האנדעלט זיך און אויפגעפאדערט די מיטגלידער פון לאקאל 10 צו ווערען טעטיג אין דער יוניאן און אין די שעפער, און העלפען דעם דזשאינט באארד און די אינטערנעשאנאל פארטיג ווערען מיט די פאררעטער און פארלוימדער, וואס שטעהען אין דינסט פון די קאמוניסטען אין אמעריקא.

עס איז נאכדעם וועגען דער פראגע געשטימט געווארען און די גרויסע מאסע אין האל האט גוטגעהייסען די שטעלונג פון דזשאינט באארד און די אינטערנעשאנאל. בלויז עטליכע מעמבערס, פון דער גרויסער צאהל, האבען געשטימט נעגען. אין האל זיינען אויך געווען איינינע בלינדע נאכשלעפער פון דעם קאמוניסטישען פאררעטער־געזינדעל, וואס האבען געמאכט א פערזוך צו צושטערען די הארמאניע פון דעם מיטינג. עס איז זיי אבער ניט געלונגען. זיי האבען געכאפט אן אפשניט און געמוזט אנטוועדער זיצען שטיל, אדער פערלאזען דעם מיטינג.

אויף דעם מיטינג האט די קאטערס יוניאן אויסגעדריקט א דאנק צו ברודער נאגלער, וואס איז געווען דער עקטינג מענעדזשער פון דעם לאקאל, אין דער צייט וואס דובינסקי איז געווען אין יוראפ.

א מיטינג פון מיטגלידער פון לאקאל 22

דער מיטינג פון מיטגלידער פון לאקאל 22, איז אפגעהאלטען געווארען אין די רענד סקול בילדינג. עס זיינען דארט אנוועזענד געווען עטליכע הונדערט מעמבערס פון דעם לאקאל. דער מיטינג איז ארדעסירט געווארען פון וויס־פרעזידענט פיינבערג, און ברודער דזשוליוס האכמאן, דער מענעדזשער פון דרעס דעפארטמענט פונ'ם דזשאינט באארד.

די רעדנער האבען נאך גענוי ארומגערעדט די לאגע אין דער יוניאן און פלענער זיינען געמאכט געווארען ווי אנצוגעהן מיט דער ארבייט, די פאררעטער און פארלוימדער פון דער יוניאן זאלען מעהר ניט קאנען טאן זייער פארדארבענדע ארבייט.

דער טרייעל פון די סוספענדירטע יוניאן־ברעכער.

דער טרייעל פון די סוספענדירטע עקזעקוטיוועס פון די לאקאלס 2, 9 און 22 געהט אן, פאר דער ספעציעלע קאמיטע פון דזשאינט באארד. ברודער ה. בארענשטיין פון לאקאל 35, איז דער טשערמאן פון דער קאמיטע. וויס־פרעזידענט איזראעל פיינבערג, איז דער אנקלעגער, און ווען ער געפינט פאר נויטיג שטעלט ער פראגען די אנגעקלאגטע און די עדות וואס ווערען פארגערופען פאר'ן געריכט. דער טרייעל קומט פאר אין האטעל קערילאק, אויף בראדוויי.

ביז מאנטאג בייטאג איז מען ערשט פארטיג געווארען מיט'ן אויסהערען די סוספענדירטע פון לאקאל 2. איצט פאנגט מען אן אויסהערען די לייטע פון לאקאל 9 און פון לאקאל 22.

די מעהרסטע פון דער לאקאל 2 חברה, האבען ביים פאהרער נעפרואווט זיך מ־שבען תמ־עוואטע. במעט אויף אלץ וואס מען האט זיי געפרעגט האבען זיי געענטפערט, אז דאס ווייסען זיי ניט, יענעס האבען זיי ניט געהערט. א סך פון זיי האבען געגעבען דעם זעלבען ענטפער, און עס האט געקלונגען, ווי אימיצער וואלט מיט זיי איינגעשטודירט, ווי זיי זאלען ענטפערען. עס בלייבט, אלזא, צו זעהן, וואס עס וועט ווייטער זיין.

די פרעכהייט הייסט ניט צאה־לען קיין דיוס אין דער יוניאן.

דאס קאמוניסטישע־רינשטאק־בלעטעל, די פרעכהייט, האט זיך ערשט ריכטיג צו־יושעט און דרוקט איין ליגען גרעסער פון אנדערען. און זי באנוגענט זיך ניט בלויז מיט ליגענס אליין, נאר זי פרעדיגט גאנץ אפען פשוט'ע סקעבעריי אלא סולקעס און קאמפאני.

די פרעכהייט איז שוין היינטיגע געוואהרען שרייענדיג, אז די קלאוק און דרעסמאכער זאלען ניט צאהלען קיין דיוס אין דער יוניאן. דאס געלט, זאגט זי, זאל מען ליבערשט ברענגען צו איהר, פאר עפעס א „רעפעננס פאנד", איינער פון יענע פאנדען וואס זי קלייבט שטענדיג, כדי צו פארדעקען די סומען געלט וואס די קאמיסארען ברענגען פון מאסקווע פאר פראפאגאנדא צו פארניכטען די „רעאקציאנערע" יוניאנס און אזוי נאך העלפען די „אפען־שאפ" באוועגונג. אבער די קלאוק און דרעסמאכער הערען איהר ווי דעם קאטער. זיי ווייסען, אז די „פרעכהייט" וועט צו־נעמען די פאר גראשען און קיין יוניאן־סטעמפס אין די ביכלאך וועט זי ניט אריינקלעפען. איז וועלכער משוגע'נער וועט טראגען געלט אהין וואו זי הייסט? אבער זי פראוווט, אפשר וועט זיך געפינען א גולם וואס וועט ברענגען א פאר גראשען.

אויסגעשלאסענע קלוירקס פון לאקאל 22 אפיס ערקלערען א סטרייק און פיקעטען דעם אפיס.

די קאמוניסטען וואס האבען זיך פאר־שפארט היינטער אייזערנע גראטעס אין אפיס פון לאקאל 22, האבען אויסגעשלאסען אלע קלוירקס פון אפיס און אויף זייערע פלעצער אנגעשטעלט קאמוניסטען און קאמוניסטקעס. די נייע קלוירקס זיינען מעמבערס פון דער קאמוניסטישער פארטיי, אבער צו דער יוניאן פון בוק־קיפערס און סטענאגראפערס באלאנגען זיי ניט. און זיי סקעבען געגען די פריהערדיגע קלוירקס פון דעם אפיס, וואס זיינען יו־ניאן לייט.

האט די בוקקיפערס און סטענאגרא־פערס יוניאן, וואס איז אנגעשלאסען צו דער אמעריקאן פעדערייישאן אוו לייבאר דערקלעהרט דעם אפיס אין סטרייק און אוועקגעשטעלט די סטרייקער פיקעטען דעם אפיס וואס איז אנגעפיהלט מיט סקעבס! טו האט איהר געמענט זעהן ווי די דאזיגע קאמוניסטען פארפאלגען די פיקעטס וואס געהען ארום מיט סטרייק־סיינס ארום דעם אפיס! זיי פארפאלגען די סטרייקער מיט די אייגענע קולאקעס און אויך מיט די געדונגענע פאליסליט און שלעגער וואס זיי האלטען אין און ארום דעם אפיס, און מאכען אזוי צו שפאט און צו שאנד א יוניאן אפיס.

די וואך האבען די סטרייקענדע אפיס אנגעשטעלטע פון דעם אפיס פארטיילט אין גאס א ליפלעט וואס לעזט זיך טייל־ווייז ווי פאלגט:

„און ערקלעהרונג פון דער בוק־קיפערס יוניאן.

„זינט דער נייער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 22 איז אריין אין מאכט, האבען זיי דורך פארשידענע מיטלען גע־זוכט פטור צו ווערען פון די אפיס־אנגעשטעלטע. קיינער פון די עקזעקוטיוו באארד מעמבערס און באאמטע האבען ניט אנגעוויזען און ניט געקענט אנווייזען, אז די דאזיגע ארבייטער האבען ניט עהרליך און געטריי געדינט דער יוניאן. איינינע פון זיי האבען געארבייט אין דער יוניאן פאר א משך פון אכט יאהר, און קיינער האט גארניט געהאט וואס אויסצוזעצען געגען זיי און געגען זייער ארבייט. פרעגט זיך: וואס אייגענטליך האט באוואוגען די באאמטע און דעם עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 22 צו נעהמען אזא פיינדליכע שטעלונג געגען זיי?

דער ענטפער איז גאנץ פשוט: די אדמיניסטראציע פון לאקאל 22 האט באשלאסען זיך ארומצורינגלען מיט מענשען, וואס זיינען ענג פארבונדען מיט דער קאמוניסטישער באוועגונג. יעדער נייער אנגעשטעלטער, וואס איז אריינגענומען געווארען אין אפיס, האט קיינמאל קיין ערפאהרונג ניט געהאט אין דער ארבייט אין פארגלייך מיט די אויסגעשלאסענע ארבייטער. די נייע אנגעשטעלטע זיינען ניט קיין מעמבערס פון דער בוקקיפערס און סטענאגראפערס יוניאן, מיט וועלכע לאקאל 22 האט אן אגרימענט. ווען די ארבייטער פון אפיס האבען געמאכט א געזעצליכען קאמפליינט דורך זייער יו־ניאן, אז לאקאל 22 באשעפטיגט ניט קיין יוניאן לייט, האט זיך דער סעקרעטאר פון לאקאל 22 איינגאנצען אנטזאגט די פראגע צו פארהאנדלען.

מיר אפעלירען דאריבער צו דער גרוי־סער מיטגלידערשאפט פון לאקאל 22, ארונטערצונעהמען דעם פלעק פון סקעבע־ריי פון דער דרעסמאכער יוניאן און צוריק אנשטעלען די אויסגעשלאסענע.

מיט יוניאן־גרוס,
בוקקיפערס, סטענאגראפערס און טייפרייטערס יוניאן לאק. 12646 אמעריקאן פעדעריי. אוו לייבאר.

איצט איז די בעסטע צייט צו פאהרען אין

די אינטערנעשאנאל יוניטי הויז

אין פארעסט פארק, פא.

ווי די יוניטי אימעניע זעהט אויס ווען מען קוקט ארונטער פון א עראפלאן.

דער שיינער פלאץ איז אפען פאר די מיטגלידער פון אלע לאקאלס פון אונזער אינ־טערנעשאנאל און זייערע פאמיליעס און פריינד.

א חוץ מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל ווערען אין דער יוניטי הויז אויפגענומען מעמבערס אויך פון אנדערע ארגאניזאציעס, און זאנסט אינטעליגענטע מענשען און פריינד פון דער ארבייטער־באוועגונג.

אין דער יוניטי הויז לעבט זיך ווי אין אן אמת'ען גן־עדן. עס איז דא א גרויסער טייך צו באדען און זיך צו שיפען; פארשידענע גיימס און טעגליכע גימנאסטיקס; קאנצערטען, לעקטשורס, פארלעזונגען און פארשיידענע געזעלשאפטליכע אונטערהאלטונגען. עסען און טרינקען פון די סאמע בעסטע. טעניס און בעיזבאל גיימס, באולינג עלים, בעסקעט־באל און וואס ניט? יעדען אווענט שפילט אן ארקעסטער צו טאנצען.

רעדזשיסטרירט זיך באלד פאר ווען איהר ווילט ארויספאהרען

דער אפיס איז אפען ביז 7 אוהר אווענט, ארבייטער זאלען קאנען זיך רעדזשיסט־רירען נעהענדיג פון דער ארבייט. דער רעדזשיסטריישאן אפיס איז אין דער אינטער־נעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סט.

טעלעפאן טשעלסי 2148.

די יוניטי הויז קאמיטע
אב. באראף, טשערמאן.

וואס העלפט זיי דאס לייקענען?

פון מ. י. אשפיז ציטוויילינער מענעדזשער פון לאקאל 2.

די וויכטיגסטע פראגע אין אונזער יוניאן איז אהן צווייפעל דער טרייעל פון דעם עקזעקוטיוו באארד. דער הויפט פונקט, ווי איך פארשטעה, איז: צי דער עקזעקוטיוו באארד האט דורכגעפיהרט די פראגראם פון דער קאמוניסטישער פארטיי, נעהמענדיג פון איהר ארדערס, אדער, ווי די עקזעקוטיוו מאכט דעם נאאיווען אנשטעל, אז עס איז בלויז א בלבול, אויסגעטראכט פון זיגמאן און פיינבערג, ארויסצוווארפען אומשולדיגע מענשען, וועמענס חטא באשטעהט בלויז אין דעם, וואס זיי האבען זיך איינגעשטעלט פאר דעם ברודער קלאוקמאכער.

וואס זיינען די אמת'ע פאקטען?

איך וועל באווייזען, אז אין אלע איהרע פראגען איז די עקזעקוטיווע פון לאקאל 2 געווען אונטער דעם איינפלוס פון די קאמוניסטען; אז ניט נאר די 12, וואס האבען זיך מודה געווען, אז זיי זיינען מעמבערס אין דער „ווארקערס פארטי" (די לעגאלע קאמוניסטישע פארטיי אין די פאראייניגטע שטאטען), נאר אפילו די איבריגע מעמבערס, דאס הייסט — די עקזעקוטיוו אלס גאנצע — האבען זיך אין דער יוניאן אויפגעפיהרט אזוי, ווי זיי וואלטען געווען א ברענטש פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

די אורזאזע פון זייער לייקענען דאס איז א גאנץ קלארע: זיי האבען מורא צו פארלירען איינגאנצען דעם איינפלוס, וואס זיי האבען אויף א טייל פון די אומפארטייאישע קלאוקמאכער, וועמען זיי טרייען איינרעדען, אז געגען זיי איז באגאנגען געווארען א „שרעקליכער פארברעכען".

אבער דאס לייקענען וועט זיי גארניט העלפען. אין די פיער מאנאטען, וואס די עקזעקוטיווע פון לאקאל 2 איז געווען אין אמט, זיינען פארגעקומען געוויסע פאסירונגען, וואס באווייזען אומבאשטרייטבאר, אז די ארבייט פון דער עקזעקוטיווע איז געווען אונטער דער פולער קאנטראל פון דער קאמוניסטישער פארטיי.

לאמיר די פאקטען איבערגעבען כסדר.

גלייך ווי די נייע עקזעקוטיווע פון לאקאל 2 איז ערוועהלט געווארען, האט דער דזשאינט באארד באשלאסען אנצושטעלען בר. פערלשטיין אלס מענעדזשער איבער די „פראטעקטיוו" שעפער. ברודער פערלשטיין האט ניט געוואלט אננעהמען דעם אמט בעפאר די עקזעקוטיווע פון לאקאל 2 וועט געבען איהר הסכמה דערצו. די עקזעקוטיווע האט נאך א לאנגע דעבאטע זיין אנשטעלונג גוטגעהייסען. האט איהר טאקע געדארפט זעהן, וואס פאר א שטורם דאס האט אנגעמאכט אין דער קאמוניסטישער פארטיי! באלד איז די „פרייהייט" ארויס מיט אן עדיטאריעל, ווארנענדיג די עקזעקוטיווע, אז זי זאל ניט פארגעסען פאר וועלכען צוועק זי איז ערוועהלט געווארען, און אויב זי וועט נאכאמאל וואגען אזוי צו האנדלען, וועט זי האבען אזא סוף, ווי די פאריגע עקזעקוטיוועס. אזעלכע ווארנונגען ווערען געגעבען צו אייגענע מענשען, צו אזעלכע, וואס האבען ביים ערוועהלען געגעבען געוויסע פארשפרעכונגען און זיי ניט געהאלטען. קיינמאל פריהער, ווען אין דער עקזעקוטיווע זיינען געזעסען געוועהנליכע קלאוקמאכער, איז אזא ווארנונג ניט געגעבען געווארען.

די ווארנונג האט טאקע געווירקט. די עקזעקוטיווע האט פון דאן אן אנגעהויבען אלצדינג אויספאלגען. באלד נאכדעם איז געקומען אן איינלאדונג פון דער סאציאליסטישער פארטיי צו שיקען א פארטרעטער צו דער פייערונג פון דעם 70-יאהריגען געבורטסטאג פון גענ. יודזשין וו. דעבס. עס איז, דאכט זיך, ניטא קיין אידישער ארבייטער, ספעציעל א קלאוקמאכער, וועמען דער נאמען דעבס זאל ניט זיין באוואוסט און באליבט. זיין לעבען איז די היסטאריע פון דער סאציאליסטישער באוועגונג אין אמעריקא, זיין ארבייט איז פול מיט אויפאפפערונג און מארטירערטום פון העכסטען סארט. עס איז ניט געווען דעריבער קיין שום אורזאכע, אז די עקזעקוטיווע פון לאקאל 2, אלס ארבייטער-ארגאניזאציע, זאל ניט מיטפייערען זיין יובילעאום. דאך האט די עקזעקוטיווע פון לאקאל 2 די איינלאדונג אנטייל צו נעהמען אין דער פייערונג פון זיין 70-יאהריגען געבורטסטאג צוריקגעוויזען. וועמען האט די עקזעקוטיווע ביים צוריקווייזען פארטראטען? די מעמבערס געוויס ניט: די מעמבערס זיינען געוויס ניט געווען דערפאר, אז לאקאל 2 זאל געבען דעבס'ען אזא פאטש אין פנים. דער איינציגער ענטפער איז: זיי האבען מיט דיזען באשלוס פארטראטען די קאמוניסטישע פארטיי. פאר די קאמוניסטען איז דעבס טריף, ווייל ער איז ניט קיין קאמוניסט, ווייל ער איז דער טשערמאן פון דער נייאנאל עקזעקוטיווע פון דער סאציאליסטישער פארטיי. עס פארשטעהט זיך, אז קאמוניסטען טארען זיך ניט באטייליגען אין דער פייערונג צו עהרע פון זייערען א געגנער. די עקזעקוטיווע פון לאקאל 2, וואס ווערט גערולט פון דער קאמוניסטישער פארטיי, האט דעריבער געהאנדעלט אזוי ווי די פארטיי האט געהייסען.

דיזע שטעלונג האבען זיי גענומען ניט נאר אין לאקאל אליין. ווען דער דזשאינט באארד האט באשלאסען זיך יא צו באטייליגען אין דעבס'עס יובילעאום, האט די עקזעקוטיוו אריינגעשיקט א פראטעסט און געפאדערט, אז דער דזשאינט באארד זאל אין דעבס'עס יובילעאום זיך ניט באטייליגען.

ניט נאר אין דיזען פאל, נאר אין אלע אנדערע פעלע פון שטיצע צו א סאציאליסטישער ארגאניזאציע, האט די עקזעקוטיווע אנגעפיהרט אן אלגעמיינעם קרייץ-צוג. שטיצט דער דזש. באארד א באזאר פון א סאציאליסטישער אינסטיטוציע מיט 15 דאלאר, לאזט לאקאל 2 וויסען, אז זיי ווייזען דאס צוריק. וואס איז 15 דאלאר שטיצע פאר דער אלגעמיינער קלאוקמאכער יוניאן? נאר דא האנדעלט זיך ניט, אז די יוניאן וועט דורך דעם ארימער ווערען. עס האנדעלט זיך אום דעם קאמוניסטישען פרינציפ ניט צו שטיצען קיינע סאציאליסטישע אדער אנדערע ראדיקאלע אינסטיטוציעס; און די עקזעקוטיווע פון לאקאל 2 האט דיזען „פרינציפ" דורכגעפיהרט.

דערפאר האט די עקזעקוטיווע געשטיצט די ווארקערס פארטיי, זיך באטייליגט אין א קאנפערענץ, גערופען פון דער ווארקערס פארטיי וועגען דעם 1טען מאי, ניט אכטענדיג, וואס לאקאל 2 און לאקאל 9 האבען בשותפות גענומען מעטראפאליטאן אפערא פאר זייער ערשטע מאי פייערונג. די באאמטע פון לאקאל, וויסענדיג, וואס זייער עקזעקוטיווע איז, האבען געשיקט דעלעגאטען אויף זייער אייגענער פאראנטווארטליכקייט. צום נעקסטען מיטינג האט די עקזעקוטיווע באשלאסען אנצונעהמען (נאכהער האבען זיי אויסגעמעקט פון פראטאקאל דאס ווארט „אננעהמען" און אנגעשריבען: זיך אנשליסען) די לאזונגען פון דער קאנפערענץ, וואס איז געהאלטען געווארען אונטער דער אויפזיכט פון דער ווארקערס פארטי, וואס זיינען געווען אפגעדרוקט אין דער „פרייהייט" פון 13-טען אפריל. צווישען די לאזונגען זיינען אויך פארלאנגען שאפ-קאמיטעס און א רעפובליק (פאר אמעריקא) פון ארבייטער און פויערים.

כאראקטעריסטיש איז מעהר ווי אלץ דער פאלגענדער פאקט: די קאמוניסטישע פארטיי גיט ארויס אן אונגארישע קאמוניסטישע צייטונג „עלאבע". וואס פאר א שייכות די אידישע קלאוק אפערייטארס האבען מיט אונגאריש, ווייס איך ניט. אבער א פאקט איז, אז די עקזעקוטיווע האט באשלאסען אריינגעבען אן אדווערטייזמענט דארט פאר 5 דאלאר.

דיזע אלע פאקטען זיינען אייגענטליך ניט קיין מאטעריאל פאר א קלאגע, איבערהויפט קענען ניט אלע פארברעכענס, וואס איינער באגעהט, אריינגענומען ווערען אין איין קלאגע. איינער, וואס צינדט אונטער א הויז, וואו צעהנדליגער מענשען ווערען פארברענט, ווערט געמשפט פאר'ן טויט נאר פון איין-איינציגען מענשען. וואס איך וויל מיט דיזע פאקטען ארויסברענגען איז, אז די עקזעקוטיווע האט זיך גראדע אויפגעפיהרט ווי א קאמוניסטישער ברענטש. און ווען זיי טרייען מאכען אומשולדיגע פנים'ער, אז עס איז א בלבול, אז זיי זיינען גארניט (אין זייער מעהרצאהל) קיין קאמוניסטען, פיהל איך, ווי צו זאגען צו זיי: ניט אזוי פארטיידיגען זיך עהרען-מענער. ניט דורך לייקענען פאקטען, וואס אלע ווייסען, וועט אייך געלינגען ריינצוואשען אייערע פארברעכענס. ווען איהר וואלט זיך געהאלטען מיט ווירדע, וואלט איהר נאך פיליכט געצויגען צו זיך א ביסעל רעספעקט. אייערע סטייטמענטס אין דער פרעסע, אייער וועלען פארדרעהען און פארלייקענען פאקטען, מאכט, אז מען מוז אייך פאראכטען, ווי ליגנער פארדינען עס.

אין דער סקוירטמאכער יוניאן, לאקאל 23

צום אלעם ערשטען וויל איך לאזען וויסען די מעמבערס פון אונזער לעצטען באשלוס, וועגען אטענדען די מיטינגען. עס איז אמת, דאס דער באשלוס איז דורכגעגאנגען ביים לאקאל מיטינג, דאך איז נויטיג, אז די מעמבערס זאלען דאס וויסען דורך די „גערעכטיגקייט". דער באשלוס איז, אז יעדער שאפ וועט מוזען זיין פארטראטען ביים לאקאל מיטינג דורך א קאמיטע אדער דורכ'ן שאפ-טשערמאן, און עס וועט געמאכט ווערען א „ראל קאל" פון יעדען שאפ. אויב א שאפ וועט ניט האבען קיין פארטרעטערשאפט וועט מען רופען די ארבייטער פון שאפ צו דער גריוועגס קאמיטע. מיר האבען ניט געוואלט מאכען א באשלוס, אז אלע מעמבערס מוזען זיין ביים מיטינג פון לאקאל און נאכהער שטראפירען זיי מיט א דאלאר. מיר גלויבען אז דאס וואלט געווען אוממעגליך דורכצופיהרען. מיר גלויבען אבער, אז עס וועט זיין זעהר לייכט פאר יעדען שאפ צו שיקען צו יעדען לאקאל מיטינג א קאמיטע, וואס זאל ענטפערען דעם „ראל קאל" און דאס וועט מאכען די מעמבערס איינצוטרייען זיך און קומען צו מיטינגען פון דער יוניאן.

דאס וואס יעדער שאפ וועט זיין פארטראטען ביי די מיטינגען פון דער יוניאן, וועט עס געבען א מעגליכקייט יעדען שאפ צו וויסען וואס עס טוט זיך אין דער יוניאן.

אונזער לאקאל האט אנגענומען דעם באשלוס פאר עטליכע אורזאכען:

ערשטענס: מיר ווילען, אז אונזערע מעמבערס זאלען ניט שעפען קיין נייעס פון מארקעט, ווייל דארטען זיינען דא א סך ביזוויליגע מענשען, וואס זוכען אפצונארען דעם עולם, און יענע מענשען זיינען ניט קיין פריינד פון דער יוניאן.

צווייטענס: ווילען מיר, אז אונזערע מעמבערס זאלען זיך צוהערען אביסעל וויינינגער צו די פרעס שרייבערייען. אויב זיי ווילען וויסען וואס אין דער יוניאן טוט זיך זאלען זיי קומען צו די מיטינגען וועלען זיי וויסען.

דריטענס ווילען מיר, אז ווען אין דער יוניאן קומט פאר עפעס א נייעס, ווען עפעס נייעס ווערט איינגעשטעלט, ווי צום ביישפיל, די אנעמפלאימענט אינשורענס, וואלטען מיר געוואלט, אז אלע מעמבערס זאלען זיין קלאר אין דער פראגע, ווי נאר עס איז מעגליך. זיי זאלען וויסען, ווער עס דארף געהן נאך אינשורענס, ווער ניט. ביים יוניאן-מיטינג קאן דאס אלץ דערקלערט ווערען. ווען יעדער שאפ וועט זיין פארטראטען ביים מיטינג און נאכהער עס איבערגעבען צו די איבעריגע ארבייטער, וועט עס לייכטער מאכען פאר אלעמען.

נאך איין אורזאכע איז דא און דאס איז די הויפט אורזאכע — נאך מיין מיינונג — דאס די קאמפליינטס וועגען ארויסשיקען ארבייט, אויף וועלכע אונזערע מעמבערס פארלאזען זיך זעהר פיעל. צום ביישפיל: בעפאר דער סיזאן פאנגט זיך אן האב איך שטענדיג געלאזט וויסען אונזערע מעמבערס ווי אזוי זיי דארפען זיך באגעהן אין די שעפער, אין באצוג דעם וואס זיי קריגען ניט אריין גענוג ארבייט, און דאך ארבייט עס ניט „פוירפעקט". פאר וואס? ווייל אונזערע מעמבערס דיינקען זעהר אפט, אז וואס דער באלעבאס זאגט איז הייליג, אבער ווען זיי וואלטען געקומען צו א מיטינג כאטש איין מאל א מאנאט און ביים מיטינג אויפגעהמען די שאפ פראגען, וועט עס געבען דעם מעמבער ערשטע האנד אינפארמיישאן, פון אלץ וואס געהט פאר אין דער יוניאן, אין די שעפער און אין טרייד.

אונזערע מעמבערס וואס ארבייטען אין די סקוירט שעפער דארפען וויסען, אז ווען זייער א קאנטראקטאר קריגט ניט קיין ארבייט פון דעם מאנופעקטשורער, פון וועלכען ער איז גערעדזשיסטרירט, וועט דער אפיס זיין גרייט צו סטאפען יעדען שאפ, וואו מען וועט טרייען צו מאכען די ארבייט. אונז וועט ניט אהרען, אז די קאנטראקטארס וועלען מאכען די קאמפליינטס, אזוי גוט ווי די ארבייטער. מיר זיינען פערטיג אויפצונעהמען יעדען קאמפליינט און אטענדען, און אויב עס וועט זיין נויטיג ערגעץ צו סטאפען א שאפ, וואו עס וועט ניט געשיקט ווערען ארבייט אין די ריכטיגע שעפער.

צום שלוס וויל איך זאגען, אז איך האב אודאי באדארפט זאגען עטליכע ווערטער אין באצוג די יעצטיגע לאגע אין דער גאנצער יוניאן. איך פערזענליך דיינק, אז די דזשאינט באארד האט גענומען די ריכטיגע שטעלונג, נאס ווארשיינליך וועט אונז נאך אויסקומען צו ריידען וועגען דעם א צווייטען מאל.

אונזער נעקסטער לאקאל מיטינג וועט זיין דזשולאי דעם 11טען. איך האף אז אונזערע מעמבערס וועלען אטענדען די וויכטיגע מיטינגען.

ל. פינקאווסקי,
מענעדזשער לאקאל 23.

א דאנק צו וויס-פרעזידענט סאל. זיידמאן

ווערטער רעדאקטאר, פר. יאנאווסקי:-

ביי א ספעשעל מיטינג פון דער פרעסערס יוניאן, לאקאל 12, פון באסטאן, א.ל.ג.וו.י., איז באשלאסען געווארען צו פארעפענטליכען אין די „גערעכטיגקייט" דאס אלע מעמבערס פון לאק. 12 באדאנקען אונזער מענעדזשער, בר. סאל. זיידמאן, פאר אינסטאלירען די באאמטע פון לאק. 12, שבת, דעם 27טען יוני. מיר האפען דאס די ערוועהלטע באאמטע וועלען טאן דאס בעסטע פאר לאקאל 12 און פאר דער גאנצער יוניאן אין באסטאן.

מיט אלער אכטונג,
הענרי טאקמאן, טשערמאן
סעם שפייזער, רעק. סעקרעטאר

גאנץ ברייט ארומגערעדט געווארען צווישען די פאראינטערעסירטע צדדים גופא.

„דער פארשלאג איינצושטעלען די ווידזשעס פון די ארבייטער אין דער קלאוק אינדוסטריע לויט זייער פראדוקטיוויטעט, איינצושטעלען א געוויסען סיסטעם פון „וועגען און מעסטען" די ארבייט, איז אבער און ווידער פארלאנגט געווארען פון די באלעבאטים, און איז אלע מאל ענטשידען צוריקגעוויזען געווארען פון די ארבייטער. די אורזאך וואס האט באוואויגען די יוניאן אזוי צו האנדלען איז ניט וויכטיג פאר'ן צוועק פון דער איצטיגער דיסקוסיע. עס איז גענוג צו זאגען, דאס אט די שטעלונג איז באטראכט געווארען פון די ארבייטער אלס גערעכט און אויך נויטיג, און דאס די קלאוק, סוט און סקוירט מאנופעקטשורערס פראטעקטיוו אסס'ן האט ענדליך איינגעשטימט אנצונעהמען דער יוניאנ'ס שטעלונג."

(שלום פאלנט)

דאס איז דער אפיציעלער רעסיט פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן. פון דעם 1טען דזשולאי אן, 1925, מוזען אלע לאקאלס און דזשאינט באארדס געברויכען דעם רעסיט. מעמבערס אדער אנדערע פערזאנען וואס צאהלען איין געלט אין לאקאל אדער דזשאינט באארד אפיס מוזען באקומען אט דעם אפיציעלען רעסיט.

מאריס זיגמאן, פרעזידענט; א. באראף, סעק. און טרעזשורער, א. ל. ג. וו. י.

LEO.

Official Receipt I. L. G. W. U. Local No. ____ No. ____ DATE

NO DUES STAMPS	AMOUNT DUES	PAID UP TO	S. & C. ASSMNT.				INIT. FEE	FINE	TEMP. RECEIPTS	MISC.	TOTAL	ISSUED BY

ווער איז ל. בודיז— בודיאנאוו?

(שלוס פון זייט 1)

דאס האט דעמאלט פאראורזאכט א סך עטריסטונג אין דער ארבייטער באוועגונג און בודין־בודיאנאוו איז געבראנדמארקט געווארען אלס א שונא פון די ארגאניזירטע ארבייטער.

דער גאנצער אינצידענט איז באשריבען אין פול אין דער „דיילי פיפעל", וואס דעניעל דעליאן האט ארויסגעגעבען. דאס געפינט זיך אין די „דיילי פיפעל" פון 25טען אקטאבער, 1903.

איצטער וועט איהר זיך פארשפארען חדוש'ען ווארום דער דאזיגער תכשיט סטראשעט צו שפאלטען די קלאוק און דרעסמאכער יוניאן. ער איז הפנים אן אייבינער שונא פון די ארגאניזירטע ארבייטער! אמאל האט ער ארויסגענומען אן אינדזשאנקשאן אין קאורט פאר א באלעבאס, געגען דער יוניאן און געגען די ארבייטער וואס האבען געסטרייקט, און היינט סטראשעט ער צו „שפאלטען די גאנצע יוניאן". דער דאזיגער לאיער מאכט פראגרעס!...

אינטערעסאנט איז נאר, ווי אזוי די קאמוניסטישע סקעב־אגענטען האבען דערטאפט דעם דאזיגען לאיער, וואס פאסט זיך אזוי גוט אריין אין דער ראלע פון א יוניאן־ברעכער. עס איז משמעות ווי אין פסוק שטעהט:

„כל עוף למינהו!"

פילאדעלפיא דזשאינט באארד שטיצט די שטעלונג געגען קאמוניסטישע פעסט אין דער יוניאן

(שלוס פון זייט 1)

נאך אין באצוג דעם קאמוניסטישען צושטערענדען עלעמענט, וועלכער זוכט דורך אומערליכע אינטריגעס און בייזוויליגע אבזיכטען צו צוברעכען ניט נאר די אינטערנעשאנאל נאר אויך אלע אנדערע יוניאנס אין אמעריקא, וועלכע זיינען דורך פיל מיה און אפפער און יאהרען לאנגע ארבייט געבראכט געווארען צו זייער איצטיגע שטופע.

מיר זיינען איבערצייגט, אז דיזע האנדלונג פון דער אינטערנעשאנאל איז אין אנקלאנג מיט דער מיינונג פון דער גאנץ ברייטער מעמבערשיפ פון דער אינטערנעשאנאל, אזוי גוט ווי פון דער גאנצער רעכטדענקענדער ארבייטער באוועגונג דא אין לאנד.

מיר זיינען אויך איבערצייגט, אז נאר דורך אויסשניידען די דאזיגע קאמוניסטישע מכה, וועמעס ציעל עס איז צו פארפעסטען דעם קערפער פון דער אינטערנעשאנאל, וועט די אינטערנעשאנאל קענען מיט מעהר כח, מוט און ערפאלג אנגעהן מיט דער ארבייט פאר דעם וואהל און בעסטען פון איהר מיטגלידערשאפט.

מיר פארפליכטען זיך צו געבען דעם פולען סופארט צו דער אינטערנעשאנאל און דעם ניו יארקער דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעסמאכער יוניאן.

דזש. באארד קלאוק און סקוירט מייקערס יוניאן אוו פילאדעלפיא,
א. גאלדען, סעק.

מאסען קלאוקמאכער זיינען בארעכטיגט צו ארבייטס־לאזען בענעפיט

(שלוס פון זייט 1)

אפיס געפינט זיך אין 122 וועסט 18טע סטריט.

ווי מיר האבען שוין ניט איינמאל פריהער ערקלעהרט, — דער ארבייטסלאזען־אינשורענס־פאנד איז א נייע אינסטיטוציע אין דער יוניאן. דער אפיס, וואס דארף „הענדלען" אזוי פיל מענשען, איז א נייער און איז איינגעשטעלט געווארען אין א קורצער צייט, אז ניט, וואלט ניט מעגליך געווען, דאס די צאהלונגען זאלען געמאכט ווערען שוין דעם סלעק־סיזאן. אין דעם אפיס, און אפילו אין די צוויי אפיסעס פון דעם אינשורענס־פאנד, קען נאך דעריבער אלץ ניט צוגעהן אזוי גלאטיג, ווי עס האט באדארפט צו זיין.

אבער זאל קיינער פון די קלאוקמאכער ניט פארלירען דאס געדולד. אלע, וואס זיינען בארעכטיגט צו באקומען ארבייטסלאזען בענעפיט, וועלען עס זיכער באקומען. און זיי וועלען באקומען פאר די פולע צאהל וואכען, וואס זיי זיינען בארעכטיגט צו קריגען. עס איז בלויז א פראגע פון אביסעלע אפווארטען. די, וואס זיינען בארעכטיגט צו קריגען און האבען נאך ניט געקראגען, וועלען באקומען א פאר טשעקס מיטאמאל, פאר די אלע וואכען, וואס זיי זיינען בארעכטיגט געווען צו קריגען ארבייטסלאזען בענעפיט.

דער יוניאנ'ס פאדערונגען פאר דער גאווערנאר'ס קאמיסיע

צווייטער מעמאראנדום וואס די יוניאן האט פארגעלייגט פאר דער קאמיסיע נאך דעם עפענטליכען פארהער, וואס איז פארגעקומען אין ניו יארק אין אנפאנג פון מאנאט מאי, 1925.

(פארטזעצונג)

דאס רעכט אפצוזאגען ארבייטער

די פארשטעהער פון דעם אינדוסטריעל קאונסיל, (פראטעקטיוו), האבען צוגעגעבען, דאס אזוי פיעל ווי מען קען עס ערווארטען פון א געשריבענעם אגרימענט זיינען זיי גוט באווארענט ניט צו מוזען האלטען אזוינע ארבייטער, וועלכע זיי ווילען ניט האבען. זייער הויפט באקלאגען זיך באשטעהט אין דעם, וואס זיי באהויפטען, דאס זיי האבען שוועריגקייטען צו דערווייזען אן אורזאכע פאר אפזאגען אן ארבייטער, אדער צו באקומען א בארעכטיגונג פאר א רעארגאניזיישאן אונטער די פראוויזשאנס פון דעם איצטיגען אגרימענט. די יוניאן גיט ניט צו, אז עס זיינען ווירקליך דא אזעלכע שוועריגקייטען. די אורזאכען, פאר וועלכע מען קען אפזאגען אן ארבייטער, זיינען קלאר און פליין פאר אלעמען. שלעכטע באנעהמונג אין שאפ, ניט נעארכזאמקייט און דאס פארברעכען געגען שאפ רולס זיינען קלאגען וואס זיינען באזירט אויף פאקטען, וואס מען קען עס גאנץ לייכט באווייזען. אינקאמפעטענץ און „סאלדזשערינג און די דזשאב" זיינען קלאגען וואס זיינען, אמת, ניט אזוי לייכט צו באווייזען, אבער די פאקטען און אומשטענדען וואס ווירקען אויף א מאנופעקטשורער צו מאכען אזעלכע קלאגען, ווייס ער און זיין פארמאן די פאקטען פון דער קיים און זיי קאנען דיזע פאקטען פארברייינגען פאר דעם אומפארטייאישען טשערמאן אין דער אינדוסטריע. דעמאלט קען ער דאך ערווארטען צו באקומען א גינסטיגע ענטשיידונג.

אין צוזאמענהאנג מיט דעם באשולדיגט דער אינדוסטריעל קאונסיל, דאס די יוניאן באשטראפט אזוינע מיטגלידער, וועלכע טרעטען אוי אין אזוינע פאלען אלס עדות געגען א מיטארבייטער פון זייער שאפ, אין א פארהער פאר דעם אומפארטייאישען טשערמאן.

די יוניאן לייקענט די באשולדיגונג.

דער קאונסיל האט פארגעבראכט דריי אזוינע ספעציפישע פאלען צו באגרינדען די קלאגע. אבער וואס זיינען די פאקטען פון די דריי קייסעס?

דער הער־פרעסער פון דער פירמע אמסטערדאם און קאמפ. איז באשטראפט געווארען פון זיין לאקאל יוניאן ניט פאר אויפטרעטען אלס עדות געגען א צווייטען פרעסער, נאר דערפאר וואס ער האט מיאוס באליידיגט די יוניאן און איהרע באאמטע. די שטראף איז ארויפגעלייגט געווארען נאך דעם ווי מען האט איהם געגעבען א פולען טרייעל און ער איז געפונען געווארען שולדיג. און זיין אנטזאגען זיך צו באצאלען די שטראף האט איהם געמאכט פאר אויס מעמבער פון דער יוניאן, און די יוניאן האט עס געלאזט וויסען די פירמע. דער אומפארטייאישער טשערמאן, אין דער צייט וואס ער האט איינגעשטימט אז די יוניאן איז אין דעם פאל געווען גערעכט, האט פארגעשלאגען, דאס מען זאל געבען דעם ארבייטער א געלעגענהייט צו אפעלירען די קייס, און ער זאל דערווייל בלייבען אויפ'ן דזשאב.

די יוניאן האט באוויליגט דעם דאזיגען פרעסער צו אפעלירען געגען דעם באשלוס וואס איז געגען איהם געמאכט געווארען. אבער מען האט פארלאנגט פון איהם, דאס ער זאל דערווייל איינצאלען א העלפט פון די שטראף וואס מען האט אויף איהם ארויפגעלייגט, און אויב דער אפיל וועט איהם ריינוואשען וועט ער עס צוריקקריגען. אבער ער האט זיך אנטזאגט צו באנוצען מיט דעם רעכט וואס מען האט איהם געגעבען צו אפעלירען. שפעטער אבער האט ער זיך ארומגעזעהן אז ער האט געמאכט א טעות און באצאלט די שטראף. די שטראף איז אויף איהם ארויפגעלייגט געווארען אין אויגוסט, 1924 און באצאלט האט ער ערשט אין מארטש, 1925.

אין דעם צווייטען פאל, דער פרעסער היימאן, פון דער פירמע פאמעראנץ בראדס., איז אויך ניט באשטראפט געווארען דערפאר וואס ער איז אויפגעטראטען אלס אן עדות געגען אן ארבייטער. געגען איהם זיינען פארגעבראכט געווארען קלאגען פון די אנדערע פרעסער אין דעם שאפ, אז ער האט געארבייט לייננערע שטונדען ווי די יוניאן ערלויבט, און דאס ער האט אויך אריינגעכאפט פאר זיך די גאנצע אווערטיים ארבייט, זיך ניט טיילענדיג מיט די אנדערע פרעסער אין שאפ. מען האט איהם געלאזט וויסען פון די קלאגען וואס זיינען געגען איהם געמאכט געווארען און ער איז גערופען געווארען צו ערשיינען פאר די גריוועגס קאמיטע פון דער יוניאן. ער איז ניט ערשיינען פאר די קאמיטע און איז באשטראפט געווארען מיט 25 דאלאר און ער האט ניט געמאכט קיין שום אפיל.

אין דער דריטער קייס, פון אן ארבייטער פון די „שוליץ קאוט האוז", וועלכע איז אויך דערמאנט געווארען פון דעם אינדוסטריעל קאונסיל, איז דער ארבייטער באשטראפט געווארען פון זיין לאקאל, פון לאקאל 2, מיט 25 דאלאר. ער איז באשטראפט געווארען פאר אנפאנגען ארבייטען אין דעם שאפ, איידער ער האט זיך פארגעשלאגען צו ווערען א מעמבער פון דער יוניאן. ער איז איינינגע מאל אויפגעפאדערט געווארען זיך אנצושליסען אן דער יוניאן, און ער האט איגנארירט אלע אויפפאדערונגען. און אויך דער ארבייטער איז באשטראפט געווארען נאכדעם ווי זיין קייס איז אויסגעהערט געווארען און ער האט ניט געמאכט קיין אפיל געגען דער אנטשיידונג.

ווען דער לאיער פון דער יוניאן האט נערערט, האט ער ביי דער געלעגענהייט קריטיקירט געוויסע באלעבאטים, פאר רופען איין ארבייטער צו זאגען עדות געגען א צווייטען ארבייטער פון שאפ. דער לאיער פאר'ן אינדוסטריעל קאונסיל האט עס אויפגעכאפט און פון דעם געוואלט אויסטייטשען, אז „די יוניאן האט צוגעגעבען" דאס זי פארווערט אזא עדות „זאגען" און דאס זי „באשטראפט" אזעלכע עדות.

דער לאיער פאר דער יוניאן האט עס ניט צוגעגעבען. אין דער זעלבער צייט דענקט ער אבער, דאס אזא פראצעדור איז ניט ריכטיג און ניט עמיש פאר קיין באלעבאס. ווייל אין דעם פאל ווען אן ארבייטער ווערט גערופען עדות זאגען געגען א צווייטען ארבייטער, ווערט ער געבראכט אין א פארלעגענהייט. עס מאכט איהם צו שאנד פאר די אנדערע ארבייטער און עס רופט ארויס ביי איהם א שנאה צו דער פירמע. אויב א פירמע האט ווירקליך עפעס א קריוודע פון אן ארבייטער, דארף דער באלעבאס, אדער זיין פארמאן, אליין דאס קאנען באווייזען. דערביי דארף ניט אויפגעשפילט ווערען איין ארבייטער געגען א צווייטען.

ווידער, דאס אזוי גערופענע „רעכט אויפ'ן דזשאב פאר דאס גאנצע לעבען" איז אויף קיין פאל ניט אזא זאך, וואס איז נוגע בלויז די קלאוק און סוט אינדוסטריע, ווי די פארשטעהער פון די דאזיגע באלעבאטים האבען עס געזוכט איינצושמועסען די קאמיסיע. דאס רעכט פון דעם ארבייטער צו זיין דזשאב, סיידען דער באלעבאס האט א גענוגענדע אורזאכע איהם אפצולייגען, ווערט פאקטיש אנערקענט און אויסגעהאלטען אין אלע מאדערנע אינדוסטריען. דאס איז אנערקענט אויף אלע אייזענבאהן־ליניען, אין דער מיינינג אינדוסטריע, אין דער פרינטינג אינדוסטריע און אין א סך אנדערע פון די וויכטיגע אינדוסטריען. מעהר ניט, אין יענע אינדוסטריען ווערט עס אנגערופען מיט אן אנדער נאמען, עס ווערט אנגערופען „דאס רעכט פון דעם ארבייטער אויף זיין דזשאב פאר'ן גאנצען לעבען", ווי אונזערע מאנופעקטשורערס האבען ליב עס אנצורופען.

שטיק ארבייט

די אינסייד מאנופעקטשורערס פארלאנגען מען זאל זיי געבען דאס רעכט, זיי זאלען זיך קאנען אויסקלייבען ווי מען זאל ביי זיי ארבייטען, פון וואך אדער פון שטיק. דאס מיינט — ניט מעהר און ניט ווינציגער, ווי צו געבען זיי די פולע רעכט, צוריק איינצופיהרען אין טרייד שטיק־ארבייט, אויב זיי זאלען עס ווילען.

ווען אט דער פארשלאג פון די מאנופעקטשורער איז דיסקוטירט געווארען, האט דער לאיער פאר דער יוניאן גאנץ קלאר געמאכט אלע אנווענדונגען וואס די ארבייטער פון דעם טרייד האבען געגען שטיק ארבייט, און אין יענער רעדע האט דער רעדנער אויסגערופען, דאס „קיין מאכט אין דער וועלט וועט ניט צוריקטרייבען די ארבייטער צו שטיק ארבייט". דער אויסדרוק איז, פארשטעהט זיך, ניט מעהר ווי אן אראטארישע פראזע און די קאמיסיע וועט עס געוויס אננעהמען אלס אזעלכע.

דערווייל אבער, האט די פראזע געגעבען א גרונט דעם לאיער פון די דזשאבערס אסס'ן צו געברויכען אן עהנליכע פראזע, נעמליך, דאס „קיין מאכט אין דער וועלט וועט צווינגען די דזשאבערס אנצונעהמען לימיטיישאן אוו קאנטראקטארס, א גאראנטירטען פעריאד פון ארבייטס־צייט אדער א מיניםום לייבאר קאסט". זאל די קאמישאן אויך דאס באטראכטען פאר אן אראטארישע פראזע און ניט מעהר.

א צווייטער פארזוך איז געמאכט געווארען פארצושטעלען דער יוניאנס שטארקען פארלאנג אין באצוג אט די רעפארמען, אלס בלויז אן איינגעשפארטקייט. דאס האט געטאן מר. מייערס, וועלכער האט זאנסט גערעדט צו דער זאך און אן פארביטערטקייט. און דערביי האט ער ציטירט א שטיקעל פון א בריף, וואס מר. שלעזינגער, דער פריהערדיגער פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, האט אדרעסירט צו א געוויסען מר. באסעט.

דער אויסצוג, וואס מר. מייערס האט פארגעלעזען לייענט זיך אזוי:

„אייער פארשלאג איינצושטעלען די ווידזשעס פון די ארבייטער לויט זייער פראדוקטיוויטעט, איינצושטעלען א געוויסען סיסטעם צו מעסטען די ארבייט, איז שוין אבער און ווידער פארלאנגט געווארען פון די באלעבאטים און איז יעדעס מאל ענטשיידען צוריקגעוויזען געווארען פון די ארבייטער. די אורזאך ווארום די יוניאן האט גענומען אזא שטעלונג איז ניט וויכטיג פאר'ן צוועק פון דער איצטיגער דיסקוסיע".

אין דער קארעספאנדענץ צווישען מר. שלעזינגער און מר. באסעט האט זיך עס געהאנדעלט וועגען די פונקציעס פון א „ווייגדזש־באארד", וואס ביי דעם סעטעלמענט, אין יאהר 1922, איז געמאכט געווארען א פארזוך איינצושטעלען אין טרייד. די אויפגאבע פון דעם באארד, ווי עס איז אויסגעדריקט געווארען אין יענעם קאלעקטיוו אגרימענט, איז געווען, „צו מאכען א פאלשטענדיגע אונטערזוכונג און שטודיום אין באצוג די פארדינסטען פון די ארבייטער, און די פעריאדען פון די ארבייטס־צייט פון די דאזיגע ארבייטער אין דער אינדוסטריע". מר. באסעט איז געווען א מעמבער פון דעם באארד, און איז אפוינטעד געווארען פון דער פראטעקטיוו אסאסיאיישאן. מר. שלעזינגער האט אין דעם באארד פארטראטען די יוניאן און מר. נארמאן האפגוד, איז אויסערוועהלט געווארען אלס טשערמאן פונ'ם באארד.

מר. באסעט, וואס האט, ווי עס שיינט, ניט ריכטיג פארשטאנען די פונקציעס פון דעם באארד, האט פארגעשלאגען לויז צו מאכען אלע פונקטען און פארשריפטען פון דעם אגרימענט צווישען ביידע צדדים, „כדי צו ענטוויקלען א פלאן, וואס וועט ברייינגען מיט זיך א באשטענדיגען בענעפיט פאר אלעמען, פאר'ן פובליק, פאר די ארבייטער און פאר די מענעדזשערס," און הויפטזעכליך צו מאכען א שטודיום „וויפיל ארבייט עס ווערט אויפגעטאן פאר די ווייגדזשעס, וואס מען צאלט". דער הויפט טייל פון מר. שלעזינגער'ס בריף, פון וועלכען מר. מייערס האט אויסגעקליבען פארצולעזען א קליין שטיקעל, וואס האט זיך איהם צונעפאסט, לייענט זיך ווי פאלגט:

„ווערטער מר. באסעט:

„איך האב ערהאלטען אייער בריף פון 13טען, אין באצוג דעם וואס עס זאל זיין דער פארנעהם פון דעם ווייגדזש־באארד, וואס איז באשאפען געווארען דורכ'ן איצטיגען אגרימענט צווישען דער יוניאן און די פראטעקטיוו אסס'ן. די לאנגע ערקלערונג וועגען אייערע סאציאלע און עקאנאמישע אנשויאונגען, וואס אייער בריף ענטהאלט זיינען גאנץ אינטערעסאנט. איהר וועט מיר אבער ענטשולדיגען פאר מיין אפענהארציגקייט, — עס האט גאר ניט צו טאן מיט דער אויפגאבע, מיט וועלכער איהר און איך זיינען אנפארטרויט געווארען, אלס מעמבערס פונ'ם ווייגדזש באארד. אונזער באארד גיט זיך ניט אפ מיט קיינע אלגעמיינע טעאריען, וואס עס זיינען די ריכטיגע באציהונגען צווישען די באלעבאטים און די ארבייטער, אדער וועגען די פליכטען פון ביידע צדדים צום פובליקום. די דאזיגע פראגען זיינען שוין

מיטינג פון דזשאינט באארד פון דער קלאוק און דרעססמאכער יוניאן.

א מיטינג פון דעם דזשאינט באארד איז אפגעהאלטען געווארען פרייטאג, דעם 26טען דזשון, 1925.

טשערמאן — ברודער ווייסמאן.

דער פראטאקאל פון דעם לעצטען מיטינג פון דעם דזשאינט באארד און דער באריכט פון דער באארד אוו דירעקטארס ווערען פארגעלעזען און גוטגעהייסען.

דער פראטאקאל פון דעם ספעשעל מיטינג פון די עקזעקוטיוו באארדס, אפגעהאלטען דעם 20טען דזשון, ווערט פארגעלעזען און גוטגעהייסען.

גענאסע גלאשינסקי, א פארטרעטער פון דער סאציאליסטישער און טרייד יוניאן באוועגונג אין רומעניען, דערציילט אין א קורצע רעדע, וועגען דעם קלעגליכען צושטאנד פון די אידישע ארבייטער אין דעם לאנד. ער ערקלערט, אז זיי האבען אנגעפאנגען צו בויען אן ארבייטער היים, וועלכע איז זעהר נויטיג פאר דער ארבייטער באוועגונג דארט, אבער צוליב מאנגעל אין געלד האבען זיי דאס ניט געקענט ענדיגען. ער אפעלירט דאריבער פאר שטיצע צו ענדיגען די אינסטיטוציע.

דער פארלאנג ווערט איבערגעשיקט צו דער פינאנץ קאמיטע.

צושריפטען.

לאקאל 10 אינפארמירט, אז זיי האבען גוטגעהייסען דעם פראטאקאל פון דעם דזשאינט באארד פון דעם 11טען דזשון.

לאקאל 21 אינפארמירט אז בר. ליא ארטש איז ערוועהלט געווארען אלס דזשאינט באארד דעלעגאט אין דעם פלאץ פון בר. גאטקין, וועלכער האט רעזיגנירט.

ברודער ארטש ווערט צוגעלאזען.

לאקאל 45, דעזיינערס יוניאן, אינפארמירט אז זייער סעקרעטאר, מר. א. מיטשעל, האט רעזיגנירט פון זיין אמט און זיי פארלאנגען אז דער דזשאינט באארד זאל זיי אינפארמירען וועגען אלע מיטינגען.

לאקאל 89 אינפארמירט אז ברודער דזשאהן עגיטא איז ערוועהלט געווארען אלס דזשאינט באארד דעלעגאט אין דעם פלאץ פון ברודער דזשאזעף סאלערנא, וועלכער איז ניט אימשטאנד צו אטענדען די מיטינגען.

ברודער עגיטא ווערט צוגעלאזען.

דער רוס־פוילישער ברענטש אינפארמירט אז ברודער א. יאבלאנסקי איז ערוועהלט געווארען צו פארטרעטען זיי אין דעם דזשאינט באארד.

דער ברודער ווערט צוגעלאזען.

דער „פארוועטס" אסאסיאיישאן לאדעט איין דעם דזשאינט באארד אנוועזענד צו זיין אויף א באנקעט, וועלכער ווערט געגעבען צו גענאסע קאהאן, פאר זיין אוועקפארען קיין אייראפא.

די איינלאדונג ווערט אנגענומען און די ברידער פיינבערג, פיש און אנסעל ווערען אפוינטעד אנוועזענד צו זיין.

ברודער פיינבערג און פרעזידענט זיגמאן אדרעסירען דעם דזשאינט באארד און באקענען די דעלעגאטען מיט דער סיטואציע אין דער יוניאן אין דעם איצטיגען מאמענט. זיי פארלאנגען אז די דעלעגאטען זאלען העלפען זייערע ארגאניזאציעס ווי ווייט מעגליך.

קאמיטעס.

א קאמיטע פון די ארבייטער פון „מאקס לעווין", 246 וועסט 38טע סט., אינפארמירען אז זיי זיינען אין סטרייק פאר די לעצטע 8 וואכען צייט און אז פאר דעם סטרייק זיינען זיי געווען אן ארבייט פאר 3 וואכען צייט. זיי פארלאנגען אז זייער סטרייק בענעפיט זאל געהערט ווערען.

די קייס ווערט איבערגעגעבען צו דעם דזשענעראל מענעדזשער און דעם סעקרעטאר־טרעזשורער.

שוועסטער בעסי סינגער און דזשעסי הארוויץ, מעמבערס פון לאקאל 9 און געוועזענע ארבייטער פון „ט. קליפשטיין", 1372 בראדוויי, פארלאנגען אז די באארד אוו דירעקטארס זאל זיי ריאינסטייטען אין דעם שאפ. זיי באהויפטען, אז עס איז ניטא קיין אורזאכע פארוואס זיי זיינען דיסטשארדזשט געווארען.

די קייס ווערט איבערגעגעבען צו די ברידער פערלשטיין און סארקין.

בר. סיימאן פארבער, מענעדזשער פון דעם ארגאניזיישאן דעפארטמענט פון דעם דרעס דיוויזשאן, שיקט אריין זיין רעזיגנאציע אלס דזשאינט באארד אפיסער.

די רעזיגנאציע ווערט אנגענומען.

מענעדזשערס' באריכטען.

ברודער מאזער, מענעדזשער פון דעם הארלעם אפיס, באריכטעט פון דעם 18טען מאי ביז היינט צו טאג. אין משך פון דער צייט האט זיין אפיס אטענדעט צו 302 קאמפליינטס.

ברודער מאזער באריכטעט אויך אז די „איידזשאקס קלאוק און סוט קא.", 431 איסט 23 טע סטריט און „יארמאלאווסקי דזשאזעף און ווישנער", 2038 פינפטע עוועניו, האבען געסיינט אגרימענטס מיט דער יוניאן און האבען דעפאזיטעט סעקיוריטיס.

„אש און פאריס", 1994 לעקסינגטאן עוועניו: — די פירמע האלט א סטאר און דער שאפ איז ארונטערגענומען געווארען אין סטרייק. נאך א סטאפעדזש פון עטליכע טעג האט די פירמע געסיינט אן אגרימענט און דעפאזיטעט א סעקיוריטי מיט'ן אפיס.

„אלעקס ווייס", 368 איסט 148טע סטריט: — א קאמפליינט איז ערהאלטען געווארען אז די פירמע גיט ניט אוים די ארבייט גלייך, אין דעם דרייפינג און פינישינג דעפארטמענט. די פירמע איז אינסטרואירט געווארען אין דער צוקונפט צו זעהן אז די ארבייטער קריגען גלייך די ארבייט.

„ס. ה. וואולף", 1794 לעקסינגטאן עוועניו: — די פירמע האט רעדוצירט די פרייזען פון די ארבייטער, נאכדעם ווי די פרייזען זיינען געסעטעלט געווארען פון דער פרייז קאמיטע. דער קאמפליינט איז געפונען געווארען ריכטיג און דער אפיס האט קאלעקטעט 11.05 דאלאר פאר די ארבייטער. די פירמע איז אויך אינסטרואירט געווארען דאס מער ניט צו טאן.

„ארנאפאל און קראקאף", 546 איסט 116טע סטריט: — די פירמע האט ניט באצאלט איהר אינשורענס. אן אונטערזוכונג האט באוויזען אז די פירמע האט באצאלט 408.55 דאלאר, וועלכע סומע דעקט די פירמע'ס אינשורענס.

„דענפינק קלאוק קאמפאני", 274 לעקסינגטאן עוועניו: — דער אפיס איז אינפארמירט געווארען אז די פירמע געהט ארויס פון ביזנעס. אן אונטערזוכונג האט באוויזען אז די ארבייטער פון דעם שאפ האבען ניט געקראגען ריכטיג באצאהלט פאר אווערטיים און האט ניט באצאהלט די אינשורענס, ווי אויך אז זי שניידט אליין די ארבייט. ווען די פירמע איז געקומען פאר איהר סעקיוריטי האט דער אפיס קאלעקטעד 124.65 דאלאר אלס ווייזשעס פאר די ארבייטער, 25.35 דאלאר פאר דעם אינשורענס פאנד און 50 דאל. אלס „ליקווידייטעד דעמעדזשעס".

די פירמע „ל. ס. ס.", 2310 דריטע עוו. איז אויסגעשלאסען געווארען פון דער אמעריקאן אסאסיאיישאן. דער אינשורענס אפיס האט אינפארמירט דעם אפיס, אז די פירמע איז שולדיג 257.88 דאלאר. דער אפיס איז געוועזען ערפאלגרייך אין קאלעקטען די סומע. די פירמע האט געסיינט אן אגרימענט אלס אן אינדעפענדענט שאפ און האט דעפאזיטעט א סעקיוריטי מיט'ן אפיס.

„א. ווייס", 368 איסט 148טע סט.: — די פירמע האט דיסטשארדזשט אפערייטאר פארבער. דער אפערייטאר איז ריאינסטייטעט געווארען.

„אינטערוויל קלאוק קא.", 859 איסט 169טע סטריט: — דאס איז א ניט־יוניאן שאפ. דער אפיס איז געוועזען ערפאלגרייך אין אפסטאפען דעם שאפ און דורך אן אונטערזוכונג איז געפונען געווארען, אז די פירמע ארבייט פאר „י. שאפירא און סאן", 54 איסט 21טע סטריט, א יוניאן מאנופעקטשורער. די פירמע איז געצוואונגען געווארען צוריקצונעהמען 560 געפינישטע און ניט געפינישטע גארמענטס. דער אפיס האט אויך געמאכט א קאמפליינט צו סלוצקי'ס אפיס און אלע לייטע וועלען גערופען ווערען צו דער גריוועגס קאמיטע פאר ארבייטען אין א ניט־יוניאן שאפ.

ברודער מאזער באריכטעט ווייטער, אז די פאלגענדע ניט יוניאן שעפער זיינען אפגעסטאפט געווארען און ווערען איצט געפיקעטעט פון זיין אפיס:

אפעל און בארענשטיין, 23 א. 113טע סטריט

אדלער און רובענפעלד, 339 איסט 107טע סט.

ד. גוראק, 76 א. 100טע סטריט.

איינדיג בראס., 2052 — 3טע עוועניו.

ען און אייקלאוס, 739 האום סטריט.

וועל פיט אפארעל, 908 איסט 169טע סטריט.

שמירער, 2054 צווייטע עוועניו.

קאמפליינטס זיינען אריינגעקומען אין אפיס, אז פירמעס נוצען נים דעם לייבעל. די פירמעס זיינען אינסטרואירט געווארען צו קויפען די לייבעלס און זעהן אז יעדער גארמענט האט א לייבעל אויף זיך.

ברודער מאזער'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

ברודער שעכטער, מענעדזשער פון דעם ברוקלין אפיס, באריכטעט פון דעם ערשטען אפריל אן. אין דער צייט האט ער געקראגען א ליסטע פון 146 יוניאן שעפער און 288 נים־יוניאן שעפער פון דעם פריהערדיגען מענעדזשער.

אין דער צייט פון דעם באריכט האט זיין אפיס אטענדעט צו 343 קאמפליינטס.

זיין אפיס האט גערופען א סטרייק נעגען דער „מארסי דרעס קא.", 524 מארסי עוועניו, ווייל די פירמע האט זיך ענטזאגט צו באנייען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן. אלעס איז געשליכטעט געווארען און די פירמע האט געסיינט אן אגרימענט און דעפאזיטעט נאך א סעקיורטי מיט דער יוניאן.

בנוגע די 288 ניט־יוניאן שעפער אין זיין דיסטריקט, באריכטעט ברודער שעכטער אז די שעפער זיינען צושפרייט איבער גאנץ ברוקלין און דעריבער איז דא זעהר פיל ארבייט. ער רעכנט דאריבער, אז עס איז ראטזאם איצט אויפצוגעבען דעם געדאנק וועגען ארגאניזיישאן ארבייט און מאכען א רי־קענוועס פון די אלע ניט־יוניאן שעפער, כדי אויסצוגעפינען דעם איצטיגען צושטאנד.

ברודער שעכטער באריכטעט אז זיין אפיס האט קאלעקטעד 1897.80 דאלאר פאר דעם אינשורענס פאנד.

ער באריכטעט ווייטער אז דעם 11טען מאי האט זיין אפיס באשעפטיגט א קאמיטע מיט דעם צוועק צו מאכען א דרייוו אויף די ניט־יוניאן דרעס שעפער, און די פאלגענדע שעפער זיינען אפגעסטאפט געווארען:

סימקאוויטש דרעס קא., 110 טראוטמאן סט., 12 ארבייטער.

פאנטאנא דרעס קא., 89 מאנטראוז עוו., 20 ארבייטער.

ביעטי דרעס קא., 192 מקיבין סט., 8 ארבייטער.

לימאן דרעס קא., 108 דיקאלב עוו., 8 ארבייטער.

האנטער דרעס קא., 20 באגארט סט., 18 ארבייטער.

אן אונטערזוכונג האט באוויזען, אז אבוואהל די ניט־יוניאן שעפער האבען גענוג ארבייט ווען די אונטערזוכונג איז געמאכט געווארען, האבען זיי איצט זעהר ווייניג ארבייט און מען קען זיי ניט רופען צו סעטלען מיט דער יוניאן, ווייל זיי קומען ניט. דער אפיס רעכנט דאריבער אז עס איז איצט ניט ראטזאם אנצוגעהן מיט ארגאניזיישאן ארבייט, נאר מען זאל מיט דעם אפווארטען ביז עס וועט ווערען מעהר ארבייט אין דער אינדוסטרי.

ברודער שעכטער באריכטעט אז דער אפיס האט אוועקגעזעצט די לייטע, וועלכע זיינען ארונטערגענומען געווארען פון די ניט יוניאן שעפער, אין יוניאן שעפער. דער סטרייק נעגען דער „האנטער דרעס קא." ווערט נאך אנגעהאלטען.

זיין אפיס איז געווזען ערפאלגרייך אין סיינען אגרימענטס מיט די פאלגענדע פירמעס:

דימענד קלאוק קא., 113 מאנהעטען עוועניו

בוסקעמי, 116 סטענהאופ סטריט

קיפנעס און לאמענאקא, 171 סטאקהאם סט.

ברודער שעכטער באריכטעט אויך וועגען די פאלגענדע קייסעס:

„גודמאן דרעס קא.", 8042 - 18טע עוו.: — לאקאל 10 האט פארדעכטיגט דעם קאטער צו זיין א מעמבער פון דער פירמא. דער קאטער איז גערופען געווארען צו דער גריוועגס קאמיטע פון דעם לאקאל און עס איז באשלאסען געווארען, אז ער זאל פארלאזען דעם פלאץ. ער האט דאס אבער ניט געטאן. לאקאל 10 האט אינפארמירט זיין אפיס וועגען דעם. דער אפיס האט געמאכט אן אונטערזוכונג, אבער האט גארנים געקענט אויסגעפינען אויף דער פירמא'ס ביכער. לאקאל 10 האט אבער אינפארמירט דעם אפיס, אז דער ברודער איז געפיינט געווארען מיט 150 דאלאר פאר ניט אויספאלגען זייער ארדער. די סומע איז קאלעקטעט געווארען און דער קאטער איז געבליבען ארבייטען אין דעם פלאץ.

„סעגא און שער", 995 בראדוויי: — די דרעס שאפ ארבייט פאר דעם טרייד, און האט זיך ענטזאגט צו קויפען לייבעלס. דער שאפ איז דעריבער אפגעסטאפט געווארען. אויף א שאפ מיטינג איז אויסגעפונען געווארען, אז די פירמא ארבייט אליין אויף'ן מאשין און באשעפטיגט פון צייט צו צייט ניט־יוניאן ארבייטער. נאך א סטאפעדזש פון 4 טעג האט די פירמא געקויפט לייבעלס און האט פארשפראכען נאכצוקומען אלע יוניאן באדינגונגען. די לייטע זיינען דאן צוריק געגאנגען צו דער ארבייט.

„זימערמאן און פאלאק", 89 מאנטראוז עוו.: — די פירמא, א דרעס שאפ, האט נים געקויפט די לייבעלס און האט זיך ענטזאגט צו באצאהלען איהר טייל פון די אינשורענס. נאך א סטאפעדזש פון איין טאג איז אלעס געשליכטעט געווארען צום גונסטען דער יוניאן.

„ווייס און טאפעל", 234 בראדוויי: — די פירמא האט זיך ענטזאגט צו באצאהלען די אינשורענס, באהויפטענדיג אז זי ארבייט פאר ניט־יוניאן דזשאבערס. אן אונטערזוכונג האט אויך באוויזען, אז די פירמא שניידט אליין די ארבייט. דער אפיס האט דעריבער קאלעקטעט 125 דאלאר פאר דעם אינשורענס פאנד און 25 דאלאר אלס „ליקווידייטעד דעמעדזשעס". די פירמא איז אויך אינסטרואירט געווארען נים צו ארבייטען מיט ניט־יוניאן דזשאבערס אין דער צוקונפט.

ברודער שעכטער'ס באריכט ווערט גוטגעהייסען.

א מיטינג פון די עקזעקוטיוו באארדס פון די לאקאלס 3, 10, 21, 23, 35, 45, 48, 64, 82, 89 און דער רוסיש־פוילישער ברענטש איז אפגעהאלטען געווארען שבת, דעם 20טען דזשון, 1925.

טשערמאן — ברודער אנסעל.

דער טשערמאן ערקלערט, אז דער צוועק פון דעם מיטינג איז צו באקענען די מעמבערס פון די עקזעקוטיוו באארדס מיט דער סיטואציע פון דעם דזשאינט באארד אין דער איצטיגער צייט.

ער שטעלט דאן פאר דזשענעראל מענעדזשער פיינבערג אלס דער ערשטער רעדנער.

ברודער פיינבערג, אין א לענגערע רעדע, ערקלערט און דערטאלען וואס האט געמאכט און ווי אזוי די עקזעקוטיוו באארדס פון די לאקאלס 2, 9 און 22 זיינען סוספענדירט געווארען.

די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 10 שלאגט פאר די פאלגענדע רעזאלוציע צו די פארזאמעלטע: —

„מיר, די עקזעקוטיוו באארדס פון די לאקאלס 3, 10, 21, 23, 35, 45, 48, 64, 82, 89 און דער רוסיש־פוילישער ברענטש, פארזאמעלט שבת, דעם 20טען דזשון, 1925 אין 3 וועסט 16טע סטריט, האבען אנגענומען די פאלגענדע רעזאלוציע: —

„נעמענדיג אין אנבאטראכט אז דער דזשאינט באארד פון דער קלאוק, סוט, סקוירט, דרעס און ריפער מאכער יוניאן, האט באשלאסען צו סוספענדירען די עקזעקוטיוו באארדס אזוי גוט ווי די אפיסערס פון די לאקאלס 2, 9 און 22, און

„נעמענדיג אין אנבאטראכט, אז דער דזשאינט באארד פיהרט איצט אן א טרייעל געגען די סוספענדירטע מעמבערס, און

„נעמענדיג אין אנבאטראכט, אז א זאגענאנטע „דזשאינט עקשאן קאמיטע" פון די סוספענדירטע אפיסערס פון די לאקאלס 2, 9 און 22 גיבען ארויס ליפלעטס אין וועלכע זיי באשמוצען דעם דזשאינט באארד און די אינטערנעשאנאל און פאדערען אויף די מעמבערד ניט צו צאהלען זייערע דיוס ווי אויך צו איגנארירען די אפיסערס, און

„נעמענדיג אין אנבאטראכט, אז זיי גיבען ארויס פאלשע און פיינדליכע סטייטמענטס געגען דער דזשאינט באארד און דער אינטערנעשאנאל,

„ווערט דעריבער באשלאסען, אז די עקזעקוטיוו באארדס פון די לאקאלס, וועלכע געפינען זיך דא, פארדאמען די שטעלונג פון די סוספענדירטע אפיסערס פון די לאקאלס 2, 9 און 22 פאר נים אריינגעבען די ביכער און פראפערטי פון זייערע ארגאניזאציעס צו דעם דזשאינט באארד, און

„עס ווערט באשלאסען, אז מיר פארדאמען די פיינדליכע סטייטמענטס, וועלכע ווערען ארויסגעגעבען פון דער זאגענאנטער „דזשאינט עקשאן קאמיטע" פון די סוספענדירטע מעמבערס, און

„עס ווערט ווייטער באשלאסען, אז מיר שטימען איין און זיינען צופרידען מיט דער שטעלונג פון דעם דזשאינט באארד און דער אינטערנעשאנאל אין דעם גאנצען סכסוך, און

„עס ווערט אויך באשלאסען, אז די עקזעקוטיוו באארדס פון די לאקאלס וועלכע זיינען דא היינט פארזאמעלט וועלען געבען זייערע פולע מאראלע און פינאנציעלע שטיצע צו דעם דזשאינט באארד, כדי אנצופיהרען די ארבייט פון דער קערפערשאפט."

די רעזאלוציע ווערט איינשטימיג אנגענומען.

פרעזידענט זיגמאן ווערט פארגעשטעלט אלס דער נעקסטער רעדנער. אין זיין רעדע אפעלירט ער צו די דעלעגאטען צו העלפען די אינטערנעשאנאל און דעם דזשאינט באארד געגען די שונאים פון אונזער יוניאן, און אז וואו די דעלעגאטען וועלען קומען צוזאמען מיט אונזערע מעמבערס, זאלען זיי ערקלערען וואס פאר א שאדען די שונאים טוען דער יוניאן.

ברודער האלמאן, מענעדזשער פון דער דרעס דיוויזשאן, לעזט פאר צו די דעלעגאטען אויסצוגען פון דעם פלאטפארם פון דער „ווארקערס פארטי", אין וועלכען זייערע מעמבערס ווערען אינסטרואירט צו קעמפפען די יוניאן פאר דער קאמוניסטישער פארטיי, און אז דאס וועט זיי נים געהן, זאלען זיי צוברעכען דער יוניאן.

ברודער פערלשטיין אדרעסירט די דעלעגאטען און פארזיכערט זיי, אז די יוניאן וועט ארויסקומען אזוי זיגרייך פון דעם איצטיגען סכסוך ווי פון די פריהערדיגע מיט די מאנופעקטשורערס און אנדערע עלעמענטען.

מיט דעם ווערט דער מיטינג געשלאסען.

דזשאזעף פיש,
סעקרעטאר־טרעזשורער.

פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען

דער לעצטער מיטינג פון די גע־ווערקשאפטען איז אפגעהאלטען געווא־רען מאנטאג, דעם 15טען יוני, אונטער דעם פארזיץ פון מ. איבראמסאן, טשער־מאן, און י. קארן, ווייס־טשערמאן. אין דער אוטסייד קאמיטע ווערען ערוועהלט דעלעגאטען ס. לעווענבערג, מ. סיגעל און א. שווארץ.

פראטאקאלען פון דעם לעצטען רע־געלען מיטינג, ווי אויך פון דער עקזע־קוטיווע ווערען פארגעלעזען און גוטגע־הייסען, מיט דער אויסבעסערונג, אז די לאונדרי דרייווערס, לאקאל 810, פיהרען אן א סטרייק געגען די ביוטי וועט וואש לאונדרי קאמפאני פון בראנזוויל. עס ווערט פארגעלעזען א צושריפט פון די לאונדרי ארבייטער אינטערנעשאנאל יו־ניאן, לאקאל 270, אין וועלכען זיי גי־בען איבער א רעזאלוציע, וואס פאר־דאמט דאס קאמוניסטישע בהעטעל פאר די שמוציגע אטאקעס, וואס עס מאכט געגען דעם עקזעקוטיוו באארד פון זיי־ער יוניאן. דיזע פאררעטערישע ארבייט ווערט געטאן אין דער צייט, ווען זייער יוניאן פארהאנדעלט מיט די באלעבאטים, אום צו באנייען דעם אגרימענט. זיי פארלאנגען, אז די געווערקשאפטען זא־לען געבען פאבליסיטי דיזער רעזאלו־ציע. די דעלעגאטען פון לאקאל 280 נעהמען דאן דאס ווארט און באריכטען איבער דער שענדליכער ארבייט פון די לינקע, מיט דעם צוועק צו שאפען א צאנקעריי און רייסעריי צווישען די מעמ־בערס פון לאקאל. עס ווערט דאן בא־שלאסען, נאך א לענגערער דיסקוסיע, איינצושליסען די רעזאלוציע אין די מי־נוטס און אויך, אז א קאמיטע זאל ער־וועהלט ווערען, וואס זאל אויפפאסען אויף דער גאנצקייט פון דער יוניאן און העלפען דער יוניאן צו באנייען דעם אגרימענט. אין דער קאמיטע ווערען ערוועהלט: זיסקינד, קארן און פיינ־סטאן.

די דעלעגאטען פון דער לאונדרי דריי־ווערס יוניאן, לאק. 810 באריכטען, אז דער קאמף געגען דער בלייק וועט וואש לאונדרי קאמפאני און אויך געגען דער ביוטי וועט וואש קאמפאני געהט נאך אן. זיי בעטען דורך די געווערקשאפטען צו קריי־גען מעהר פאבליסיטי און העלפען זיי ווייטער אנצוגעהן מיט זייער ארבייט, ביז די סטרייקס וועלען געווינען ווערען. דער פארלאנג ווערט באוויליגט, און דער סעקרעטאר ווערט אינסטרואירט צו טאן אלעס מעגליכע.

דער קאמפיין פאר דעם יוניאן לייבעל ווערט פארטגעזעצט, ספעציעל אין בא־צוג צו דעם לייבעל פון דער בעקערס אינטערנעשאנאל יוניאן, ווערט פיל גע־רעדט. די בעקערס זיינען נאך אלץ אין קאמף געגען דער פאבליק בייקינג קאמ־פאני, יעלין און בראזינסקי פון בראנז־וויל. אלע פארזוכען פון דיזע באלע־באטים צו באקעמפען די בעקער יוניאן זיינען ניט געלונגען. די יוניאן איז פעסט אנטשלאסען צו געווינען איהר גע־רעכטען קאמף, און מיט דער הילף און סימפאטיע פון פובליקום וועלען זיי זי־כער דעם קאמף געווינען.

דעלעגאטען פון וואורשטען מאכער יוניאן באריכטען, אז דער סטרייק, וואס זיי האבען אנגעפיהרט געגען דער סטאנ־דארד פראוויזשאן קאמפאני פאר איבער צוויי יאהר, איז פולשטענדיג געוואונען געווארען פון דער יוניאן. זיי באדאנ־קען די געווערקשאפטען פאר דער גרוי־סער הילף, וואס זיי האבען געקראגען. זיי דאנקען אויך דעם סעקרעטאר פון די געווערקשאפטען פאר זיין באטייליגען זיך אין אלע קאנפערענצען און פאר העל־פען דער יוניאן דעם סטרייק צו גע־ווינען. זיי באריכטען אויך ווייטער, דאס די היי גרייד פראוויזשאן קאמפאני איז נאך אלץ א נאן־יוניאן פלאץ, און דאס די דעלעגאטען זאלען דאס האבען אין זינען.

אויף דער רעקאמענדאציע פון דעם עקזעקוטיוו באארד, ווערט ערוועהלט א קאמיטע, באשטעהענד פון איבראמסאן, גאלדאווסקי, סאלאוויאף, וואלפערט און פיינסטאן, צו א קאנפערענץ פון אר־גאניזאציאנען, וועלכע האבען צונויפגע־שטעלט די פיפעלס רעליף, מיט דעם צוועק צו באשפרעכען די לאגע פון די אידען אין אייראפא און אויך דעם דרייוו פון דער דזשאינט דיסטריביושאן קא־מיטע פאר 15 מיליאן דאלאר.

מ. פיינסטאן, סעק.

צו די מיטגלידער פון לאקאל 2

(ערקלעהרונג פון א גרופע אקטיווע מעמבערס פון לאקאל 2).

די איצטיגע פאסירונגען אין דער קלאוקמאכער יוניאן בכלל און אין אפערייט־טארס לאקאל בפרט האבען דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע פון אומפאר־אנטווארטליכקייט. א באנדע אוואנטור־ריסטען האבען זיך ארויפגעווארפען און ווילען פארניכטען די גרויסע יוניאן, וואס מיר, קלאוקמאכער, האבען געשאפען.

ברידער קלאוק אפערייטארס! איצט איז געקומען די צייט, ווען איהר, אלס מעמבערס פון דער יוניאן, דארפט זיך אפגעבען א חשבון, וואס א יוניאן מיינט. שווער, זעהר שווער איז געווען פאר אונז צו לעבען אין די צייטען, בעפאר מיר האבען זיך ארויסגעריסען פון דער מאכט פון אונזער אלגעמיינעם שונא, די באלעבאטים, און ארגאניזירט א יו־ניאן. נאך היינט קענען די באלעבאטים ניט פארגעסען דאס ביסעל רעכט, וואס מיר האבען זיך ערווארבען נאך אזוי פיל שווערער מיה. נאך היינט קלאגען די באלעבאטים, אז מיר האבען פארנומען ביי זיי זייער איינענטום און זיי וועלען ניט רוהען, ביז זיי וועלען דאס ביסעל רעכט ניט צוריק־נעהמען פון אונז. פאר דער עקזיסטענץ פון דיזער יוניאן, וואס האט אונז געקאסט אזוי טייער, דארפט איהר זיין פארזיכטיג ביים באשטימען, ווער עס זיינען באמת אייערע פריינד און ווער — אייערע פיינד.

די ערשטע זאך מוז פרינציפיעל פאר אייך קלאר ווערען, צי מוז מען זיין צוערשט א מעמבער אין א פאליטישער פארטיי און נאכהער ערשט א מעמבער אין דער יוניאן, אדער עס איז גענוג, אז מען איז א קלאוק־אפערייטאר צו קענען באלאנגען צו דער יוניאן? ווען איהר וועט זיך פארטראכטען אויף דיזער פרא־גע, וועט איהר גלייך פארשטעהן אויף וואס פאר א פאלשען וועג דיזע אוואנ־טוריסטען געהען.

אנערקענט איהר, אז מען מוז זיין צוערשט א מעמבער פון א פארטיי און נאכדעם ערשט א יוניאן מאן, ווערט דאן אנגעגריפען דער סאמע פונדאמענט, דער סאמע עצם פון דעם טרייד יוניא־ניזם. פארוואס? ווייל דאן וועלען מו־זען זיין אזוי פיל יוניאנס, וויפעל עס געפינען זיך פארטייען. דער כח פון אר־גאניזירטער ארבייטערשאפט וועט צו־שפליטערט ווערען. די זיגער פון אזא טאקטיק וועלען זיין בלויז די באלעבא־טים.

די יוניאן קען קיינמאל ניט אננעה־מען א גלויבען פון בלויז איין פארטיי. יעדער מענש דענקט איינענארטיג, במילא פארשידען איבער אלע פראגען, וואס קומען פאר אין לעבען. די יוניאן איז דער איינציגער פלאץ, וואו אלע פארטיי־ריכטונגען דארפען און זאלען קענען אר־בייטען צוזאמען. פארטיי־שטרייטיגקיי־טען דארפען אין דער יוניאן אוועקגע־לייגט ווערען אן א זייט.

דאריבער, אויב איהר דענקט, אז אלע, וואס ארבייטען ביי קלאוקס, האבען א רעכט צו באלאנגען צו דער יוניאן, דאן מוזט איהר ערקלעהרען די נייע משגיחים פון קאמוניזם, וועלכע האבען זיך פאר־גומען צו פיהרען אונזער לאקאל, לויט די ארדערס פון דער קאמוניסטישער פארטיי, אז זיי געהען אויף א פאלשען וועג און זיי בלאפען מיט פאלשע אי־שוס, אנשטאט די אמת'ע אישוס, וואס האבען דירעקט צו טאן מיט אונזער אר־גאניזאציע און אונזער טרייד.

די סוספענדירטע עקזעקוטיווע פון לאקאל 2 האט געטאן אלצדינג צו צור־ברעקלען און צוטיילען דעם לאקאל. פאר זיי איז מעהר וויכטיג, אז די „פרייהייט" זאל ווערען דער אפיציעלער ארגאן פון דער יוניאן, אז די „טרייד יוניאן עדיו־קיישאנעל ליג" זאל ווערען דער יוניאנ'ס באלעבאס און הויפט־דעה־זאגער. זיי ווי־לען ניט, אז מיר, קלאוקמאכער, זאלען זיין פארבונדען מיט דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. זיי ווילען, אז מיר זאלען זיך פארבינדען מיט'ן „רויטען טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל" פון רוסלאנד. זיינען דאס די אישוס פון די קלאוקמאכער? דענקט וועלכער פארנינפ־טיגער מענש, אז דיזע אישוס וועלען פארגרינגערען דעם קלאוקמאכער'ס נוי־טען און זיין לאגע אין שאפ?

ברידער! נאך פריש איז אין אייער זכרון די צייט, ווען מיר האבען קיין יוניאן ניט געהאט. צו וויכטיג איז פאר אונז די יוניאן, און גאנץ שווער הא־בען מיר געארבייט איהר אויפצובויען, אז מיר זאלען דערלאזען יעדען אינטרי־גאנט איהר פארניכטען. איהר מוזט דא־רום געבען די משגיחים פון דער „פריי־הייט" איבער די הענט. זאמעלט זיך אלע צונויף ארום דער פאהן פון דער יוניאן און צוזאמען מיט אלע מעמבערס, וואס גלויבען אין א בעסערער, פרייערער, אומאפהענגיגער יוניאן, וואס זאל דינען די אינטערעסען פון אלע מעמבערס, לא־מיר שנעל שאפען ארדנונג אין אונזער לאקאל און ברענגען צו א צושטאנד, וואס זאל פארזיכערען א בעסערע יוניאן פאר אלע קלאוקמאכער!

ברידער! שטעהט פאראייניגט אין דער יוניאן. דורך איינינקייט וועט איהר אלעס געווינען, דורך צושפאלטונג — אלעס פארלירען.

מיט ברידערליכען גרוס,
ס. ראטמאן,
י. וויינשטיין,
ב. קאפלאן,
פרעס קאמיטע פון די אקטי־ווע מעמבערס פון לאקאל 2.

אינטערנעשאנאל קאלענדער

פון ה. סקולמאן.

היינטיגע וואך מיט 12 יאהר צוריק

לואי מאנדעל, א מעמבער פון לאקאל 17; וועלכער האט געארבייט ביי דער פירמע ה. זיידענבערג באגעהט זעלבסטמארד. א שאפ ברודער מיט דעם נאמען דיוויס וועל־כער איז מיטגעגאנגען צו דער לויה ווערט איבערגעפאהרען פון א קאר און פארלירט דורך דיזען אומגליק ביידע פיס. דער לא־קאל דריקט אויס פיל טרויער אויף די ביידע געשעהענישען.

* * *

לאקאל 23 באשליסט צו אינסטרואירען אלע אפיסערס ניט צו נעמען קיין דיוס פון מיטגלידער וועלכע זיינען שולדיג פאר מעהר ווי זעקס חדשים. אזעלכע מעמבערס מוזען זיך מעלדען צו דער מעמבערשיפ קאמיטע און ברענגען באווייזע, אז זיי קענען טאקע ניט צאהלען קיין דיוס.

* * *

אין קליוולאנד פאנגט זיך אן דער טריועל פון מאריס לובין, וועלכער איז בא־שולדיגט אין ערמארדען א סקעב אין דער צייט פון דעם גרויסען קליוולאנדער קלאוק סטרייק, דער אנגעקלאגטער איז כלומרשט געווען א מיטגליד אין דער יוניאן, אין דער אמת'ן אבער האט ער געדינט אלס שפיאן ביי די בוירנס דעטעקטיוו אייגענסי וועלכער האט ארויסגעגעבען אלע יוניאן פארהאנדלונגען, לובינס הויפט אויפגאבע איז געווען אויפצוהעצען די סטרייקער צו גוואלד טהאטען, צוזאמען מיט איהם זיינען ארעסטירט געווארען אנ־דערע דריי מיטגלידער, איינער פון די דריי איז אויך געווען אין דינסט ביי דער זעל־בער דעטעקטיוו אייגענסי, לובין איז געווען זעהר טעטיג אין דער פיקעט קא־מיטע באטש ער איז קיינמאל צו דיזען אמט ניט ערוועהלט געווארען. ער איז אבער רעקאמענדירט געווארען זעהר שטארק פון דייוויד פאספעלד און אויף אזא אופן איז ער געווארען א טאן געבער.

קאפיטאל $18,000,000.00
עסטאבלירט אין 1841

דאלארס דורך ראדיא
קייבעל אדער פאסט
נאך
סאוועט־רוסלאנד, פוילען, ליטא, לאטוויא
און אנדערע טיילען פון יוראפ

די בעסטע און פאלשטענדיגסטע לייסטונגען

1. שנעל: — דורך פאסט, א מערקווירדיגע שנעלע סוירוויס. דאס געלט ווערט צוגעשטעלט דירעקט צו וועמען עס ווערט געשיקט אין פארלויף פון 18 טעג.
2. שנעלער: — דורך ראדיא אדער קייבעל קיין לאנדאן, פון דארטען דורך פאסט צום פערזאן וואס מען דארף אויסצאהלען. דאס געלט ווערט צוגעשטעלט אין פארלויף פון 8 טעג.
3. אם שנעלסטען: — דורך קייבעל דעם גאנצען וועג, ביז דעם לאנד, וואוהין דאס געלט ווערט געשיקט. פון דארטען דורך פאסט צום פערזאן וואס מען דארף אויסצאהלען. דאס געלט ווערט צוגעשטעלט אין פארלויף פון 3 טעג.

רעסיטס: אויף אלע געשיקטע סומען ווען די פערזאן ערהאלט די געלט, דארף ער אונטערשרייבען א רעסיט צו באשטעטיגען, אז ער האט עס ערהאלטען. מיר טוען אלעס מעגליכעס צו קריגען רעסיטס און מיר שיקען זיי צוריק צו אייך דורך דעם זעלבען אפיס פון וואנען איהר האט ארויסגעשיקט די געלט.

געלט ווערט אריבערגעשיקט נאך פאלעסטינא צו זעהר מעסיגע פרייזען

טרעוולערס טשעקס: אמעריקאן עקספרעס קאמפאני טרעוולערס טשעקס איז דער בעסטער און זיכערסטער וועג, ווי אזוי צו טראגען געלט מיט זיך אויף אייער רייזע.

AMERICAN EXPRESS CO.
65 BROADWAY

18 Chatham Square (Open Monday until 8 P.M.) / 118 West 39th Street — NEW YORK — 17 West 23rd Street (Corner 5th Avenue) / 2131 Broadway

1708 Chestnut Street, Philadelphia.
2048 East 9th Street, Cleveland.
70 East Randolph Street, Chicago.
333 Washington Street, Boston.
132 W. Fayette Street, Baltimore.

איהר קאנט אויך שיקען געלד דורך אירגענד וועלכען אמעריקאן עקספרעס אדער אמעריקאן רעילוועי עקספרעס אפיס, אדער דורך אירגענד וועלכען אויטא־ריזירטען אגענט. זעהט, אז איהר זאלט קריגען אן אמעריקאן עקספרעס קאמפאני רעסיט, דאס איז אייער פארזיכערונג געגען פארלוסט.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. A. SCHOOLMAN, Business Manager
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VII. No. 28. New York, Friday, July 10, 1925.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

די גוי'אישע שנור

(עסקיז)

פון תלוש

מיסעס פערלמאן, ביי וועלכע איך וואוין שוין א לענגערע צייט, איז אן אלמנה פון א יאהר זעכציג, איינגעשנאגענע גרוי, מיט א קלוגען עטוואס בייזען פנים און א סך ריינקע קנייטשעלאך ארום די רוהיגע קאלטע אויגען. איהר מאן איז גע־שטארבען פון לאנג, ערגעץ אין קאליפאר־ניע, און זי איז געבליבען מיט דריי קינ־דער, צוויי טעכטער און א זוהן, און ווען מען דערמאהנט אמאל איהר מאן, זאגט זי מיט א טרויעריגען שמייכעל: — איך געדענק שוין גאר ניט צי איך האב אמאל חתונה געהאט. די קינדער זיינען געווען קליינינקע און זי האט זיך פיל געפלאגט און געריטען פון גוט ביז זי האט ווי אויס־געהארעוועט און ווי זיינען אויסגעוואקסען און געקענט פארדינען.

די צוויי טעכטער האבען געזונגען און גע'חלומ'ט וועגען ווערען אקטריסעס און דער בחור האט געשפילט פידעל און אויף נאך א פאר כלים. אין הויז פלעגען אריינ־קומען יונגע לייט. די אלטע האט פאר אלעמען געהאט א באזונדערען שמייכעל און א גוט ווארט און אזוי האבען די מייד־לאך חתונה געהאט און אויפגעהערט צו זינגען. די ערשטע האט גענומען א רוסי־שען אידען און די צווייטע א דייטשען, זעהר א רייכען סוחר און זי איז אוועק מיט איהם קיין בערלין. און אט וועגען דעם „דייטשוק" פלעגט די אלטע ליב האָ־בען אפט צו דערצעהלען: ווי אזוי ער האט זיך געשארט ארום איהר טאכטער און פלוצים זיך געוואלט אפטראגען און געה זוך איהם. האט זי עס אבער גלייך באמערקט, איהם אריינגערופען אין א בא־זונדערען חדר און אנגעהויבען אזוי און אזוי, גנעדיגער הער, איהר האט צוגעזאגט מיין טאכטער הייראטען מיט איהר. זי איז א יונג נאאיוו קינד און גלויבט אייך. אבער איך וועל אייך מעהר ניט ערלויבען קומען אין מיין הויז. איהר האט צובראָ־כען איהר הארץ און אין אמעריקא, מיין הער, שמעקט אזא האנדלונג מיט געפענג־ניס. און די אלטע שמייכעלט כיטרע און לענט צו:

— מיין „דייטשוק" האט זיך שטארק דערשראקען, די קניה האבען אזש ביי איהם גענומען ציטערען און אין א וואך ארום האט מען געשטעלט א חופה. איצט, לעבט זי ווי א פרינצעסין, האט צוויי דינסטען, אן אם און ביי דער טיר שטעהט א לאקיי.

איז די אלטע געבליבען אליין מיט איהר זוהן. ביי נאכט שפילט ער אין אן ארקעסטער און ביי טאג שלאפט ער. כאפט זיך אויף פארנאכט, עסט אפ און געהט אוועק. און זי באלעבאטעוועט אין הויז און געהט ארום אליין שטיל איבער די צימערען און רעדט צו זיך. אמאל עפענט זי אויף א שופלאד פון אלטען קאמאד, נעמט ארויס פון דארטען א פעקעל געלע אויסגעשריבענע פאפיר, טוט אן די שפאַ־קולען און זעצט זיך ביים פענסטער לייע־נען. דאס זיינען לידער וואס איהר פאר־שטארבענער מאן האט אמאל געשריבען אין זיין יוגענד. ענדליך ווערען איהרע אויגען פארטרערט, זי טוט א טיפען זיפץ און זאגט צו זיך וועגען איהר מאן:

— אלע מאל געשוועבט אין די הימ־לען... און באהאלט די שריפטען צוריק אין קאמאד.

און אזוי תמיד ווען איהר ווערט זעהר אומעטיג.

האט געטראפען אז איהר זוהן האט פארלארען זיין פלאץ אין ארקעסטער און ניט געקענט געפינען קיין צווייטען. דאס איז געווען אין אנהויב זומער. איז איהם איינגעפאלען א געדאנק פאהרען קיין דייטשלאנד צו זיין רייכער שוועסטער. און די אלטע האט איהם אין גיכען בא־גלייט צום שיף און זיך גוט אויסגעוויינט, ווייל איהר איז געווען שווער צו בלייבען אליין. דערנאך האט זי גענומען ווארטען אויף בריף פון איהם און אלע אין דער פריה געהן אנטקעגען דעם בריף טרעגער און פרעגען צו עס איז עפעס אנגעקומען פאר איהר פון דייטשלאנד.

איינמאל, קומענדיג אהיים אין אוונט, האב איך באמערקט אז ביי דער אלטער שיינט דער פנים און זי איז זעהר גוט געשטימט פרעג איך איהר:

— וואס איז מיסעס פערלמאן. א פרעהליכען בריף ערהאלטען.

לאכט זי:

— אה, די ליבע, די ליבע!

ווייזט זיך ארויס אזא געשיכטע: איהר זוהן האט זיך אויפ'ן שיף באגעגענט מיט א מיידעל, גלייך זיך פארליבט אין איהר און איצט אין בערלין זיינען זיי שוין אפיציעל געווארען חתן־כלה. זי האט ער־האלטען א לאנגען בריף פון ביידען פול מיט באגייסטערונג. און קיינער אין גאר דער וועלט איז נאר ניט אזוי גליקליך ווי זיי. אין א פאר וואכען ארום קומען זיי צוריק קיין אמעריקא אהיים און וועלען דא חתונה האבען.

און די אלטע ווערט פלוצים ערנסט און זאגט:

—נעפראוועט א תנאים אהן דער מא־מען. נאר באלד שמייכעלט זי ווידער, געהט ארום איבער'ן קיך און שעפטשעט:

— אה, די ליבע, די ליבע.

און ווען זי קען נאר מיך אפשטעלען אויף א פאר מינוט רעדט זי וועגען איהר זוהן און זיין כלה און מען באמערקט, אז איהר פרייד איז עפעס צומישט מיט א פארבאהאלטענעם טרויער און א שווערער געדאנק ענגבערט איהר מח.

איין מאל קום איך אריין אין קיך זיך מאכען א גלאז טיי. די אלטע שטעהט ביים „סינק" און שיילט בולבעס. איהר פנים איז פארטראכט. פלוצים גיט זי מיך א פרעג:

— ווי קלערט איהר, סוזאנא איז א אידישער נאמען?

— וואס עפעס מיט אמאל, זאג איך, און אין קאפ לויפט דורך א געדאנק, אז די אלטע צווייפעלט צו איהר זוהנ'ס גע־ליבטע איז א אידיש קינד. און איך בא־רוהיג זי:

— איהר ווייסט דאך, מיסעס פערל־מאן, אמעריקאנער אידישע מיידלאך האָ־בען ליב זיך געבען פרעמדע קלינגענדע נעמען.

זי טראכט א ווײלע און ענטפערט שטיל:

— ניין, ניט דאס מיין איך.

און ווייטער רעדט זי מיט מיר ניט ווע־גען דעם. אבער זי איז עפעס צוטראגען און פארשפארט זיך אפטער אין איהר חדר אליין.

אין גיכען האט זיך איהר זוהן אומגע־קערט פון דייטשלאנד מיט זיין כלה. גע־ווען איז עס א שבת ביי טאג. איך מיט מיין באלעבאסטע זיינען געזעסען אין קיך און זי האט מיר דערצעהלט וועגען איהר פארשטארבענעם מאן, אז ער איז געווען א טרוימער מיט א צארטע נשמה, פלעגט גוט שפילען אויף א פליים. און אין ד נעכט נאך דער ארבייט שרייבען לידער, נאר א פארדינער איז ער געווען א קליינער. פלוצים האט זיך דערהערט א שטארקער קלונג און די אלטע האט אויפגעציטערט. איך בין צוגעגאנגען עפענען די טיר. אויף די טרעפ מיט א טשעמאדאן אין האנט איז געגאנגען איהר זוהן און הינטער איהם א דארינקע בלאנדע מיידעל, שוין ניט קיין יונגע, מיט קורץ אפגעשארענע האר און גרויסע עטוואס צושראקענע ליכטיגע אוי־גען. איך האב א געשריי געטאן:

— מיסעס פערלמאן, אייער זוהן איז געקומען!

באלד האט די אלטע איהם געהאלטען אין איהרע ארעמס און געקושט. דערנאך האט זיך צו איהר טעאטראליש א ווארף געטאן די בלאנדע מיידעל, זיך געשטעלט אויף די קניה און מיט א וויינענדען קול גענומען בעטען:

— מא, איך האב אזוי ליב דיין זוהן, דו ביזט מיר טייער, ווייל ער איז דיין קינד. פארשטויס מיך ניט. מא, טייערע מא!

מיסעס פערלמאן האט זיך איינגעצצן פארלארען און ניט געוואוסט וואס צו טאן. ענדליך האט זי איהר אויפגעהויבען פון די קניה, ארומגענומען און א קוש געטאן אין קאפ.

— מא, האט געכליפעט די מיידעל און איהר חתן איז געשטאנען א בלאסער און די אונטערשטע ליפ האט ביי איהם גע־ציטערט ווי אין פיבער.

איך בין אריין אין מיין צימער.

דעם זעלביגען טאג איז די מיידעל אוועקגעפאהרען ערגעץ אין דער פראווינץ צו איהר פאטער און מיסעס פערלמאן האט א פאר טעג קיין איינציגען ווארט מיט מיר ניט אויסגערעדט וועגען איהר זוהן און זיין כלה. זי האט שוין אפנים גע־וואוסט, אז די מיידעל איז א קריסטין און וואס עס איז פארגעקומען אין איהר נשמה ווייס איין גאט. אין הויז איז געווען שא, שטיל, און זי איז נאר אפגעלעגען אין בעט צוויי טעג און זיך געקלאגט אז די ניהרען טוען איהר וועה און עפעס איז מיט איהר הארץ ניט גלאט. דערנאך איז זי אויפגע־שטאנען און ווידער גענומען שטיל ארומ־געהן איבער די צימערען און באלעבאטע־ווען ווי פריהער.

איהר זוהן פלעגט איצט זיצען גאנצע טעג אין זיין צימער און שרייבען לאנגע בריף צו זיין כלה. קיין שטעלע האט ער נאך אלץ ניט געהאט און איז געווען זעהר אומרוהיג און געצעהלט די טעג ווען זייער חתונה האט געדארפט זיין. געוואלט האט ער פראווען די שמחה ביי זיין מוטער אין הויז, אבער די אלטע, ווי איך האב זיך שפעטער דערוואוסט, האט זיך שטארק געשטעלט געגען דעם. זי האט ניט גע־וואלט ווערען פארשווארצט ביי די אייגע־נע און ארומיגע שכנים. זאל ער געהן טאן וואס ער וויל, אבער ניט פאר איהרע אויגען און ביי איהר אין הויז.

דעם טאג, וואס איהר זוהן האט זיך געקליבען חתונה האבען, האט ער וועגען עפעס זיך שטארק געבייזערט, געשריען אויפ'ן קול און דערלאנגט א זעץ א שטול אן דער פארלאגע. דערנאך איז ער ארויס פון הויז מיט כעס. די מוטער איז איהם נאכגעלאפען און גערופען:

— קום אהער, משוגענער. ער איז נאך גערעבט...

און זי האט איהם ארומגענומען און געקושט און געוויינט און געהייסען גלייך נאך דער חתונה זאל ער זיין פרוי ברענגען אהער.

אין א פאר טעג ארום האט מיר די אלטע געזאגט, אז זי מאכט א „פארטי" פאר דאס יונגע פארעל און זיי וועלען אפשר בלייבען וואוינען ביי איהר, ווייל קיין שטעלע האט איהר זוהן נאך אלץ ניט. און דערביי האט זי באמערקט: — איהר האט זי גוט געזעהן. א גאנץ וואויל קינד. איהר מוטער איז ערגעץ אין ענגלאנד א בא־וואוסטע אקטריסע און דער פאטער איז א לעהרער. די עלטערען לעבען ניט צוזאמען. ווער ווייס זיי. און מיין באַי האט עס מיר אזוי אפגעטאן. געהאפט צו האבען א ווינ־קעל אויף דער עלטער ביי איהם. מילא, מען מוז בייסען די ליפען און שווייגען. ער איז דאך מיין ברויט געבער. און די אלטע האט מיך איינגעלאדען אויף דער „פארטי". נאר איך האב אויף דער שמחה ניט געקענט זיין און בין געקומען צום סוף, ווען אלע געסט זיינען זיך שוין פאנאנ־דערגעגאנגען.

מיסעס פערלמאן איז געווען זעהר מיד און אומעטיג און מען האט ממש געזעהן אז דאס הארץ וויינט אין איהר. און די גוי'אישע שנור איז געזעסען ביי דער פיאנא און געשפילט און אלע ווײלע פלעגט איהר מאן, וואס איז געשטאנען דערביי, צופאלען מיט זיינע דורשטיגע ליפען צו איהר האלז און אויף א מינוט איבעררייסען דאס שפילען.

עס איז אוועק א וואך, זיצענדיג אין מיין צימער פלעג איך אפט הערען ווי דאס פארעל לויפט ארום איבער'ן לאנגען קארי־דאר און שטיפט און לאכט און ער טראגט זי אויף די הענט ווי א קינד.

די אלטע איז אויך אביסעל פרעהליכער געווארען און זי האט שוין ווידער מיט א שמייכעל געשעפטשעט:

— אה, די ליבע, די ליבע און פלעגט פאר מיר לויבען איהר שנור, אז מען קען גאר ניט וויסען וואו דאס גליק איז און אז איהר זוהן האט אפשר געטראפען זיין אמת'ע באשערטע.

גאר אין גיכען האט איהר זוהן באקו־מען א שטעלע און פלעגט איצט אפט רע־דען וועגען נעמען אן איינענע וואוינונג. עפעס שמעקט ניט סוזאנען דאס עסען וואס די אלטע קאכט און עס איז איהר איינג אין הויז. מיסעס פערלמאן האט זיך אנגעצונדען און ווידער גענומען שטארק ליידען. און איין מאל האט זי ניט אויסגעהאלטען און מיר געזאגט:

— וואס זאגט איהר אויף מיין אנטי־סעמיטקע. איהר געפעלען דאך ניט די אידישע מאכלים.

און ביידע פרויען האבען זיך גענומען האסען.

פריהער, ווען סוזאנא פלעגט ערגעץ געהן האט זי אימער געקושט די אלטע און גערופען זי צארט: מא. איצט פלעגט זי אוועקגעהן פון הויז א שווייגענדע אהן א גוט באַי און אפט פארפאלען ווערען אויף לאנגע שטונדען. ענדליך האט דאס פארעל געפונען א וואוינונג און זיך גע־קליבען ארויסציהען פון דער מוטער. די שנור איז ארומגעגאנגען און אנגעקויפט זאכען און פלעגט גאר נישט פרעגען ביי דער אלטער און זיך ניט עצה'ן מיט איר ווי אזוי איינאָרדנען זייער נייע וואוי־נונג און דאס האט פארשאפט מיסעס פערלמאן א סך הארצוועהטאג און פיין און זי פלעגט פאר מיר זאגען מיט טרע־רען אין די אויגען:

— אזא אנטיסעמיטקע. זיך אריינ־געריסען... און טוט וואס זי וויל...

אין אוונט קום איך אהיים. אין הויז איז פינסטער און פון מיין באלע־באסטעס חדר הערען זיך שטילע קרעכ־צען. איך האב אנגעקלאפט אין טיר און זי האט מיך אריינגערופען און געבעטען אנצינדען ליכט.

די אלטע איז געלעגען אין די קליי־דער אויפ'ן בעט און איהר פנים איז גע־ווען זעהר בלאס.

— וואו איז אייער זוהן? האב איך זי געפרעגט.

זי האט א ווײלע געשוויגען און דער־נאך געענטפערט:

— שוין זיך אריבערגעקליבען... אוועק מיט זיין גויע.

— איהר ווילט עפעס?

— ניין, גארנישט.

טרערען האבען זיך באוויזען אין אי־רע קאלטע רוהיגע אויגען.

איך בין נאך א ווײלע געשטאנען און דערנאך שווייגענדיג שטיל ארויס פון צימער.

פילאדעלפיער קלאוק שעפער פרעזענטירען זייערע שאפ־טשערלייט

די ארבייטער פון ליפשיץ און עב־טערס שאפ האבען פרעזענטירט זייער טשערמאן, ברודער סיימאן אווגוסט, מיט א סעט קאמיוניטי סילווער און ווינשען איהם, ער זאל דאס נוצען געזונטערהייד.

די קאמיטע:
בלומענטאל,
גינזבורג,
גראף.

די ארבייטער פון בוירגער און בעס שאפ פרעזענטירען זייער שאפ־טשערמאן, ברודער סעם פעטערסאן, מיט איינינע פרעזענטען: מיט א שעהנעם גאלדענעם רינג, מיט א סילק שוירט און א סילק טאי און זיי ווינשען איהם, ער זאל דאס געברויכען אין נחת.

מיט גרוס,
מאקס עטקין.

מיר, די ארבייטער פון דער איקוואַ־לעטי דרעס קאמפאני, פרעזענטירען אונ־זער שאפ־טשערמאן מיט א בייבי־קע־רעדוש פאר זיין נייגעבוירענער טאכ־טער און מיר ווינשען איהם, אז ער זאל זיין טאכטער ערציהען אין נחת און אין פרייד, ווי אויך זיינע אנדערע קינ־דער.

מיט גרוס אכטונג,
די קאמיטע.

מיר, די ארבייטער פון סעמיועל לע־ווינסאן, דריקען אויס אונזער דאנק צו אונזער שאפ־טשערמאן, ברודער אלבערט מילער, פאר זיין גוטער ארבייט. מיר האבען באשלאסען צו פרעזענטירען איהם מיט א שעהנעם פרעזענט און מיר ווינ־שען איהם, אז ער זאל עס נוצען גע־זונטערהייד.

ניימען טאלסעס,
סעם גרינשטיין,
איזידאר ליפשיץ,
דושיק ליפשיץ.

א פ ר י מ י ט י ו ו

פון נחום י.

און מיר טרעטען אויף די גרינע גראזען;
און מיר שטייגען אויף די הויכע בערג, —
און מיר ווילען קיינמאל נים פארלאזען
אונזער שעהנע אומעטיגע ערד.

קומט דער אוונט — און די קינדער וויינען, —
און אין מארגען שמייכלען מיר צום שטראל,
און מיר הערען ווי עס שווייגען שטיינער,
און מיר הערען ווי עס רוישט דער ים.

און מיר זעהען ווי עס וועלקען גראזען,
ווי עס שטארבען בוימער אויפ'ן פעלד. —
מיר נאר ווילען קיינמאל נים פארלאזען
אונזער אומעטיגע שעהנע ערד.

קאָמוניסטישע אַגענטען קריכען פון דער הויט צו פּראָוואָצירען אין דער יוניאָן אַ ברודער־קאַמף

זאָלען די מעמבערס פון דער קלאוק און דרעסמאַכער יוניאָן זיין אויף דער וואַך וועגען די פּראָוואָקאַציעס פון די יוניאָן־ברעכער און סקעב־אַגענטען. — א שעהנער מעמבער מיטינג פון לאָקאַל 2 אין בעטהאָווען האָל. — דער סטרייק פון דער בוק־קיפּערס און סטענאָגראַפערס יוניאן געגען אַפּיס פון לאָקאַל 22 געהט אָן. — טרייעל פון די באַזייטיגטע עקזעקוטיוו באָארד מעמבערס וועט זיך ענדיגען די טעג.

די קאָמוניסטישע אַגענטען קריכען אויש פון דער הויט צו פּראָוואָצירען אַ ברודער־קאַמף אין דער קלאָוק און דרעסמאַכער יוניאָן.

אין דער יוניאָן קומט ניט פאַר קיין ברודער־קאַמף. ניט דער דזש. באַארד און ניט די אינטערנעשאָנאַל האָבען אָנגעפאַנגען אַ ברודער־קאַמף. עס ווערט ניט געפיהרט קיין ברודער־קאַמף געגען קיינע ברידער. געוויסע באַאַמטע זיינען געשטעלט געוואָרען אונטער קלאַגען, אין האַנדלען געגען דעם גייסט און די אינטערעסען פון דער יוניאָן, און פאַר מיסברויכען די יוניאָן־פאָנדען, און זיי ווערען געמשפּט פון אַ ספּעציעלער קאָמיטע פון דזשאָינט באַארד. און אַלס אָנגעקלאָגטע זיינען זיי דערווייל באַזייטיגט געוואָרען פון אַמט.

גלייך ווי דאָס האָט פּאַסירט האָט דאָס קאָמוניסטישע בלעטעל, די פרעכהייט, געזוכט צו מאַכען דעם פאַלשען איינדרוק, אַז די לאָקאַלס 2, 9 און 22 זיינען אין גאַנצען אויסגעשלאָסען געוואָרען פון דער אינטערנעשאָנאַל. באַלד אָבער האָבען די רויטע חברה'ניקעס זיך אַרומגעזעהן, אַז דער בלאָף איז צופיל פון אויבען אויף, און מען האָט זיך געכאַפּט פאַר נייע בלאָפס. און גאָר דער לעצטער בלאָף איז, דאָס דער דזשאָינט באַארד און די אינטערנעשאָנאַל פיהרען אָן אין דער יוניאָן אַ ברודער־קאַמף. דאָס איז אַ געמיינער ליגען פון די קאָמוניסטישע אַגענטען, ווי זייערע אַלע אַנדערע ליגענס. עס האַנדעלט זיך בלויז וועגען באַזייטיגען געוויסע בעאַמטע וואָס האָבען מיסברויכט זייערע אַמטען, וואָס האָבען דורך זייער שלעכטע אויפפיהרונג געשעדיגט די יוניאָן; וועלכע האָבען פּאַקטיש איבערגעגעבען די יוניאָן אין די הענט פון איהרע ערגסטע שונאים! אין די הענט פון די קאָמוניסטישע וואַנטוריסטען און פאַררעטער, וואָס האָבען געטאָן אַלץ, וואָס זיי האָבען געקענט, אונטערצוגראָבען דעם סאַמע פונדאַמענט פון דער יוניאָן; וואָס האָבען שטענדיג געזוכט אַריינצוברענגען האַס און מיסטרויען אין די רייהען, כדי צו פאַרשפּרייטען דעמאָראַליזאַציע צווישען די מיטגלידער.

און אויב די רויטע פאַררעטער און סקעב־אַגענטען ריידען פון אַ ברידער־קאַמף אין דער יוניאָן, איז עס אַ קאַמף, וואָס זיי פּראָוואָצירען אין די רייהען פון דער יוניאָן, ווייל זיי זיינען אויסען צו שפּאַלטען און באַהערשען די יוניאָן, צו מאַכען איהר פאַר אַן עק, וואָס זאָל זיך נאָכשלעפּען נאָך דער משונה'דיגער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. דאָס וועט זיי אָבער קיינמאָל ניט געלינגען. זיי מעגען שרייען און בלאָפען, וויפיל זיי ווילען, עס וועט זיי ניט העלפען. די קאָמוניסטישע פּעסט פון דער יוניאָן וועט פאַרטריבען ווערען!

דער טרייעל פאַר דער קאָמיטע קומט צו אַ סוף.

דער טרייעל פון די סוספּענדירטע קאָמוניסטישע אַגענטען פאַר דער קאָמיטע פון דעם דזשאָינט באַארד קומט שוין צו אַן ענד. אין דער צייט, ווען די שורות ווערען געשריבען, האַלט עס שוין ביי די מעמבערס פון דעם עקזעקוטיוו באַארד פון דעם לאָקאַל 22; און באַלד וועט דער טרייעל זיין צו ענד. די טרייעל־קאָמיטע וועט דאַן אַליין באַטראַכטען אַלץ, וואָס די אָנגעקלאַגטע און די פאַרגערופענע עדות האָבען געהאַט צו זאָגען, און וועט פּאַסען אַ באַשלוס, וועלכען די קאָמיטע וועט נאָכדעם פאַרברענגען פאַר'ן דזשאָינט באַארד. און דער דזשאָינט באַארד וועט האָבען דאָס לעצטע וואָרט אין דער פראַגע.

דער סטרייק פון די אַפּיס אַרבייטער אין לאָקאַל 22 געהט אָן.

דער סטרייק, וואָס די בוך־קיפּערס און סטענאָגראַפערס יוניאָן האָט ערקלעהרט געגען דעם פאַרסקעבטען אַפּיס פון לאָקאַל 22, געהט נאָך אַלץ אָן. די סוספּענדירטע באַאַמטע פון דעם לאָקאַל, וואָס זיצען אין דעם אַפּיס איבערגוואַלד, ווילען ניט אַרונטערשיקען די קאָמוניסטישע סקעבבאָטשעס, וואָס האָבען פאַרנומען די פלעצער פון די יוניאָן־אַפּיס־אַרבייטער, וואָס זיינען דאָרט פריהער געווען באַשעפטיגט, און דער אַפּיס ווערט געפּיקעט פון די סטרייקער.

שוין די פּאַסירונג אַליין ווייזט וואָס פאַר אַ יוניאָן־לייט עס זיינען די דאָזיגע סוספּענדירטע באַאַמטע. דאָס איז אַ גוטע, אַ פאַרטרעפליכע כאַראַקטעריסטיק פון יענע לייטע און ווייזט קלאָר און דייטליך וואָס פאַר אַ יוניאָן־לייט זיי זיינען און וויפיל זיי קערען פאַר יוניאָן־פּרינציפּען און יוניאָן־מאָראַל. דאָס אַליין צייגט, ווי מען קען אַנטרויען די אינטערעסען פון אַ יוניאָן אין אַזוינע הענט. זיי קומען אַריין אין אַ יוניאָן בלויז צו זיין די בלינדע ווערקצייג פון די קאָמוניסטישע רעדעל־פיהרער, און די ווירקליכע יוניאָן־אינטערעסען הויבט זיי ניט אָן צו אַרען.

נאָך אַ קאָמוניסטישער בלאָף אָפּגעלייקענט פון קליוולאַנד.

דעם 4טען דזשולי האָט די קאָמוניסטישע רינשטאָק־בלעטעל, די „פרייהייט", אָפּגעדרוקט אַ מעשה וועגען עפּעס אַ קאָנפערענץ אין דער וועסט וואָס, יאַקבי, וויס־פּרעזידענט פערלשטיין זאָל האָבען איינגערופען „צו שפּאַלטען די אינטערנעשאָנאַל". און כדי צו מאַכען, אַז די באָבע־מעשה זאָל קלינגען שעהנער, האָט זי פאַרעפענטליכט אייניגע נעמען פון פּערזאָנען, וואָס האָבען, יאַקבי, זיך באַטייליגט אין יענער קאָנפערענץ.

אַלס ענטפער אויף דעם האָבען מיר דינסטאָג באַקומען פון קליוולאַנד די פאָלגענדע טעלעגראַמע:

„ש. יאַנאָווסקי, רעדאַקטאָר פון דער „גערעכטיגקייט".

„אין דער פרייהייט" פון 4טען דזשולי איז געדרוקט געווען אַ סטייטמענט, דאָס די אונטערצייכענטע פּערזאָנען האָבען אָנטייל גענומען אין אַ קאָנפערענץ אָפּצוברעכען די אינטערנעשאָנאַל, צו שפּאַלטען און גרינדען אַן אינדעפּענדענט יוניאָן אין די וועסטערן שטאַטען. מיר אַלע און יעדער פון אונז לייקענט עס אָפּ גאַנץ אַנטשיידען. מיר ווילען אייך באַלד צושיקען אַ פולען סטייטמענט.

טשאַרלס קריינדלער, א. קאַטאָפּסקי און לואיס פרענר."

די טעלעגראַמע רעדט פאַר זיך, און פּירושים זיינען איבריג.

אַ שעהנער מעמבער מיטינג פון לאָקאַל 2.

מאָנטאָג אָוונט איז אין בעטהאָווען האָל אָפּגעהאַלטען געוואָרען אַ שעהנער מעמבער־מיטינג פון לאָקאַל 2, וואָס דער אַפּיס האָט איינגערופען דורך בריף. עס זיינען דאָרט אָנוועזענד געווען אַרום 600 מעמבערס. דער מיטינג איז אַדרעסירט געוואָרען פון וויס־פּרעזידענט פיינבערג און וויס־פּרעזידענט פערלשטיין. ברודער מ. י. אשפיז, דער צייטווייליגער מענעדזשער פון לאָקאַל 2, איז געווען דער טשערמאַן.

וויס־פּרעזידענט פיינבערג האָט געהאַלטען אַ לענגערע רעדע. ער האָט אָנגעוויזען, ווי אַזוי די סוספּענדירטע עקזעקוטיוו באָארדס פון די לאָקאַלס 2, 9 און 22 האָבען סאַבאָטאַזשעוועט געגען דעם דזשאָינט באַארד און דער אינטערנעשאָנאַל; ווי זיי זיינען געוואָרען לאַקייען פון די קאָמוניסטישע רעדעל־פיהרער און בלינדע ווערקצייג פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. און — זאָגט ער — ווען מען זאָל לאָזען די דאָזיגע, מיטשיינגעזאָגט, „יוניאָן־פיהרער" ווייטער טאָן, וואָס זיי ווילען, וואָלט ניט נעהמען לאַנג, און זיי וואָלטען מאַכען אַ תל פון דער גאַנצער יוניאָן.

דער גרויסער עולם פון אָפּערייטאָרס האָט איינשטימיג גוטגעהייסען די שטעלונג פון דעם דזשאָינט באַארד און פון דער אינטערנעשאָנאַל און האָבען זיך פאַרפּליכטעט צו זיין אויף דער וואַך, ניט צו לאָזען דעם קאָמוניסטישען נעדזשיגעל ברעכען און פאַרניכטען די יוניאָן, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרען מיט אַזוי פיל מיה און אַזוי פיל קרבנות.

זאָלען די מעמבערס פון די לאָקאַלס 2 9 און 22 מאַכען זייערע צאָהלונגען בלויז אין די רעגעלע יוניאָן אַפּיסעס.

אויף דער ערשטער זייט פון היינטיגען נומער „גערעכטיגקייט" וועלען די לעזער געפינען אַ וואָרנונג צו די מעמבערס פון די לאָקאַלס 2, 9 און 22, אין באַצוג זייערע צאָהלונגען אין דער יוניאָן. די וואָרנונג ווערט געגעבען פון סעקרעטאַר־טרעזשורער פון אונזער אינטערנעשאָנאַל, ברודער אברהם באַראָף.

די מיטגלידער פון די לאָקאַלס 2, 9 און 22 ווערען, אַלזאָ, געוואָרענט ניט אַרויסצוּוואַרפען זייער געלט, ד. ה. ניט צו צאָהלען קיין דיוס אָדער מאַכען אירגענד וועלכע אַנדערע צאָהלונגען אין דעם אַפּיס פון לאָקאַל 22, אין 16 וועסט 21־טע סטריט, און אין קיינע אַנדערע אַפּיסעס, וועלכע זיינען ניט אַנערקענט אַלס רעגעלע יוניאָן־אַפּיסעס. זאָלען די מיטגלידער פון די דערמאָנטע לאָקאַלס צאָהלען דיוס און מאַכען אַלע אַנדערע צאָהלונגען בלויז אין אַפּיס פון דזש. באַארד און אין די לאָקאַלס 2 און 9. בלויז די צאָהלונגען, וואָס וועלען געמאַכט ווערען אין די געזעצליכע יוניאָן אַפּיסעס וועלען אַנערקענט ווערען. די צאָהלונגען, וואָס וועלען געמאַכט ווערען ערגעץ אַנדערש, וועט זיין ווי אַרויסגעוואָרפען דאָס געלט.

נאָכמעהר, דער אַקט אַליין פון צאָהלען דיוס אָדער אַנדערע צאָהלונגען אין אַן אַפּיס, וואָס ווערט ניט אַנערקענט אַלס רעגעלער יוניאָן־אַפּיס, וועט אויסשליסען די צאָהלער פון אַלע יוניאָן־בענעפיטס און וועט ביי זיי אָוועקנעהמען אַלע יוניאָן־רעכטען. זאָלען די מיטגלידער פון די לאָקאַלס 2, 9 און 22 דאָס נעהמען אין אַכט, אויב זיי ווילען ניט אַרויסוואַרפען זייער געלט און דערצו נאָך אַריינקריכען אין טראָבעל.

אַלע אַפּיסעס פון דער יוניאָן אַרבייטען רעגעלמעסיג.

אַלע אַפּיסעס פון דזשאָינט באַארד אַזוי גוט ווי אַלע לאָקאַלע אַפּיסעס, אַ חוץ דער אַפּיס פון לאָקאַל 22, אַרבייטען גאַנץ רעגעלמעסיג, און אַלע פאַרבאַרייטונגען ווערען געמאַכט צו עמפּפאַנגען דעם אָנקומענדען פאַל סיזאָן, וואָס דאַרף זיך באַלד אָנפאַנגען.

הונדערטער אַרבייטער פילען אָן טעגליך די אַלע אַפּיסעס, ווי געוועהנליך, וועגען אַלץ, וואָס זיי דאַרפען אין דער יוניאָן. דאַסגלייכען ווערען אויך יעדען טאָג אָפּגעהאַלטען אַ סך שאַפּ־מיטינגען, וואו פאַרשידענע שאַפּ־סכסוכים ווערען פאָרגעבראַכט און טיילווייז אויך אויסגעגליכען א. אז. וו. די קאָמוניסטישע אַגענטען דרעהען זיך, פאַרשטעהט זיך, אַרום צווישען די יוניאָן־לייט און זוכען אויפצושפּילען איינעם געגען צווייטען, כדי אָנצומאַכען אַ טומעל, צו קענען כאַפּען פיש אין מוטנע וואַסער, און די יוניאָן־לייט דאַרפען זיין פאָרזיכטיג, ניט צו לאָזען זיך פאַרפיהרען, ניט צו לאָזען זיך פון קיינעם פאַרדרעהען די קאָפּ. די מעכטיגע קלאָוקמאַכער יוניאָן איז שוין איבערגעקומען פאַרשידענע אַנשיקענישען פון פילע סקעב־אַגענטורען, וואָס האָבען זיך פאַרשוואוירען איהר צו שעדיגען, און זי האָט זיי אַלעמען אָפּגעשאַרט אַן אַ זייט; און דאָס זעלבע וועט אויך זיין מיט דער אַנשיקעניש פון די קאָמוניסטישע סקעב־אַגענטען.

לאָרענס איירס לעקטשורט אין אונזער יוניטי הויז

לאָרענס איירס, רעדאַקטאָר פון דעם ראַדיקאַלען וואָכענבלאַט, „די ניו רעפּאַבליק", וועט לעקטשורען קומענדע וואָך אין די יוניטי הויז, אין פאָרעסט פּאַרק, איבער „געזעלשאַפטליכע פּסיכאָלאָגיע און געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס". ער וועט געבען אַ סעריע פון דריי לעקטשורס — מיטוואָך, דאָנערשטאָג און פרייטאָג, דעם 16טען, 17טען און 18טען יולי.

אין די לעקטשורס וועט ער דיסקוטירען די פראַגע: „וואָס מאַכט אונז מענשליך" און ער וועט אָנווייזען דעם אונטערשיד צווישען די צוויי פילאָזאָפישע סיסטעמען פון מעקדוגעל און וואַטסאָן.

די לעקטשורס אין יוניטי הויז ווערען אַראַנזשירט פון דעם אינטערנעשאָנאַל עדיוקיישאָנאַל דעפּאַרטמענט.

ער באַדאַנקט זיין יוניאָן

ווערטער רעדאַקטאָר:—

איך בעט אייך צו דרוקען מיין לעטער אין דער „גערעכטיגקייט". איך בעט אייך מיר ערלויבען אויסדריקען אַ דאַנק דער פּרעסער יוניאָן, לאָק. 12, פון באָסטאָן.

מיינע ברידער! איך דאַנק אייך זעהר פאַר דער ערקלערונג, וואָס איהר האָט געמאַכט אין דער „גערעכטיגקייט" פון 5טען דזשון, וועגען די פאַלשע רומאָרס, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרען געגען מיר. איך דאַנק אויך דער אינטערנעשאָנאַל פאַר מאַכען אַן אינוועסטיגיישאָן, צוליב וואָס עס האָט זיך אַרויסגעוויזען דער אמת, לויט דעם לעטער, וואָס איך האָב ערהאַלטען פון דער אינטערנעשאָנאַל.

ביי דיזער געלעגענהייט דריק איך אויס צופרידענהייט און באַגריס אייך האַרציג פאַר דער בראַווער שטעלונג, וואָס דער לאָקאַל 12, וואו איך בין פילע יאָהרען געווען אַ מעמבער, האָט אָנגענומען מיט דעם באַשלוס צו שטיצען די אינטערנעשאָנאַל אין דעם קאַמף געגען דער קאָמוניסטישער פּעסט.

אויך דריק איך אויס צופרידענהייט מיט דעם רעזולטאַט פון די יעצטיגע וואַהלען פון לאָקאַל 12 און איך ווינש אייך גליק און פּראָגרעס אין אייערע אַלע קעמפע.

מיט ברידערליכען גרוס,

מאַקס טוכמאַן,

לאָק. 35, לעדזשער 3616.

שכירות פאַרהעלטנים אין פאַרשידענע לענדער.

וואָס עס זיינען די שכירות־פאַרהעלטנים אין פאַרשידענע לענדער, איז צו זעהן פון דעם פאָלגענדען פאַקט. אַן אַמעריקאַנער פירמע, וועלכע האָט פאַבריקען אין פאַרשידענע לענדער, האָט געצאָהלט אין 1924 צו איהרע אַרבייטער אַזעלכע שכירות: צו אַן אַמעריקאַנער אַרבייטער — 5 דאָלאַר און 60 סענט אַ טאָג, צו אַן ענגלישען אַרבייטער — 2 דאָלאַר מיט 28 סענט, אַ דייטשען אַרבייטער — אַ דאָלאַר מיט 55 סענט, אַ פראַנצויזישען אַרבייטער — 1 דאָל. 35 סענט, אַ בעלגישען אַרבייטער — 1 דאָלאַר מיט 44 סענט, אַן איטאַליענישען אַרבייטער — 98 סענט. פון דעם איז צו זעהן, וואָס עס זיינען די לוין־באַזיסען אין די פאַרשידענע לענדער. די קויפס־קראַפט פון די שכירות, וועלכע אונטערשיידעט זיך שטאַרק אין די דאָזיגע לענדער, ווערט ניט אָנגעגעבען.

דאָס לעבען איז קורץ!

איין סיזאָן פון אמת'ן פאַרגעניגען איז מעהר ווערט ווי יאָהרען פון מאַטערניש. פאָרט אין די אינטערנעשאָנאַל יוניטי הויז און לעבט אַ טאָג! אין שטאָט איז חיים און שטיקענע, קיין סך ערבים איז איצט נישט — באַנוצט זיך מיט דער געלעגענהייט אָנצושעפּען פרישע כוחות פאַר אייער ווייטערדיגער אַרבייט. פאָרט אין די יוניטי הויז! איהר וועט זיין דיזעלבע קבצנים!

קלוגע ווירטהינס
האַלטען אימער אין הויז אַ באַקס
עקס־לאַקס
דאָס רעגולירט די מאָגענס פון דער גאַנצער פאַמיליע
און פאַרשפּאַרט זיי דאָקטאָר בילס.
10, 25 און 50 סענט אַ באַקס, אין אַלע דראַג סטאָרס.

די קאמוניסטישע מגפה אין אונזערע יוניאנס

פון מאריס זיגמאן, פרעז. א.ל.ג.וו.י.

צווייטער ארטיקעל.

אין זיין באריכט צום קאנגרעס פון מאסקווער „רויטע טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל" האט לאזאווסקי, דער הויפט פון „רויטען טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל", באריכטעט, אז פאר דעם יאהר צייט, וואס איז פאריבער פון דעם ערשטען קאנגרעס ביז דעם צווייטען, האט די מאסקווער עקזעקוטיווע פון דעם „רויטען טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל" 33 מאל פארהאנדעלט די פארשידענע ענינים פון דער אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג. (זעהט די פראטאקאלען פון קאנגרעס, רוסישע אויסגאבע, זייט 21, מאסקווע, 1923).

ווייטער באריכטעט לאזאווסקי:

פאר דעם לעצטען יאהר האט זיך אין אמעריקא, מיט דער הילף פון „פראפאינטערן" (מאסקווער טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל) און דירעקט מיט אונזער אנטייל, פארמירט א באוועגונג, וועלכע געהט אונטער דעם פלאג פון דער טרייד יוניאן עדיוקיישאנעל ליג. די דאזיגע באוועגונג האט ארומגעכאפט די ברייטע מאסען פון דער אמעריקאנער רעוואלוציאנערער באוועגונג."

„אין דעם איז אהן צווייפעל דער פארדינסט פון דעם „פראפאינטערן", ווארים די באוועגונג, וועגען וועלכער איך רייד דא, האט אנגענומען אונזער פראגראם, אונזער טאקטיק, און דורך איהר ווערען אונזערע אידעען פארשפרייט איבער גאנץ אמעריקא. די אפאזיציע פאנגט אן צו פארמירען זיך אין א פאראייניגטער אפאזיציע פון דער אמעריקאנער טרייד יוניאן באוועגונג." (פראטאקאלען זייט 33).

אין די אינסטרוקציעס פון דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל, וואס זיינען פארעפענטליכט געווארען אין נומער 14 פון דער קאמוניסטישער „אינטערנעשאנאל פרעס קארעספאנדענץ", פון 27־טען פעברואר, 1924, ווערט געזאגט:

„אלע קאמוניסטישע פראקציעס אין די יוניאנס, אפגעזעהן פון זייער גרויס און וויכטיגקייט, מוזען זיין אונטערווארפען צו די פארטיי־ארגאנען אדער צום צענטראל קאמיטעט. די דאזיגע פארטיי־ארגאנען מוזען געבען די נויטיגע אינסטרוקציעס צו די קאמוניסטישע פראקציעס; אין אלע פראגען, איבער וועלכע די געהעריגע פארטיי־ארגאניזאציעס האבען געפאסט באשליסע, מוזען די פראקציעס שטרענג אויספיהרען די דאזיגע באשליסע."

„קאמוניסטישע פראקציעס אין די יוניאנס — ווערט ווייטער געזאגט — ערוועהלען מיט דער צושטימונג פון דער געהעריגער פארטיי־קאמיטע זייער עקזעקוטיוו קאמיטע, וועלכע איז פאראנטווארטליך פאר דעם געהעריגען פארטיי־ארגאן פאר דער ארבייט פון די פראקציעס. די קאמוניסטישע פראקציעס פון די עקזעקוטיוו באארדס פון די טרייד און לייבאר קאונסילס, סטייט פעדערייشאן און לייבאר א. אז. וו. דינען אלס די אנפיהרענדע ארגאנען פאר אלע קאמוניסטען אין די דאזיגע ארגאניזאציעס."

„אלע די פראקציעס זיינען אונטערווארפען אונטער דעם קאנטראל פון דער לאקאלער אדער דיסטריקט קאמיטע פון דער קאמוניסטישער פארטיי."

פונקט 7 פון די דאזיגע אינסטרוקציעס לויטעט:

„די קאמוניסטישע פראקציעס פון די יוניאנס מוזען קומען צו אן אפמאך מיט די געהעריגע פארטיי־ארגאנען אין באצוג די קאנדידאטען פאר די עקזעקוטיוו באארדס פון אלע דערמאנטע ארגאניזאציעס און ארגאנען."

פונקט 10 לויטעט:

„יעדע פראגע, וואס דארף באשלאסען ווערען אין די ארגאניזאציעס, מוז פריהער דיסקוטירט ווערען אויף א דזשענעראל מיטינג אדער אין דער עקזעקוטיוו באארד פון דער קאמוניסטישער פראקציע."

פונקט 12 לויטעט:

„אויף די דזשענעראל מיטינגען פון די טרייד יוניאנס, קאאפעראטיוועו א. אז. וו. מוזען אלע מיטגלידער פון דער קאמוניסטישער פראקציע האנדלען און שטימען, ווי איינער, אין אלע פראגען. מעמבערס, וואס וועלען ניט אפהיטען דיזע רולס, מוזען פון דער פארטיי באשטראפט ווערען."

די קאמוניסטען אין די יוניאנס שטעלען, אלזא, מיט זיך פאר א מלוכה אין א מלוכה. זיי זיינען אונטערווארפען צו דער אייזערנער דיסציפלין פון דער קאמוניסטישער פארטיי און אין יעדער פראגע, וואס קומט ארויף אין דער יוניאן, מוזען זיי האנדלען און שטימען ניט ווי די אינטערעסען פון דער יוניאן און פון די מיטגלידער פון דער יוניאן פאדערען, אדער ווי זייער אייגענער געוויסען דיקטירט זיי, נאר ווי דער געהיימער צענטראל קאמיטעט פון דער קאמוניסטישער פארטיי באשליסט.

דער צענטראל קאמיטעט פון דער אמעריקאנער קאמוניסטישער פארטיי גופא איז אויך ניט מעהר, ווי אן אגענטור פון מאסקווע, און די אינטערעסען פון דער מאסקווער וועלט־רעוואלוציע פאדערען צו פארניכטען די אלע עקזיסטירענדע יוניאנס איבעראל, וואו נאר זיי לאזען זיך ניט קעפטשורען פון די קאמוניסטען און אנטזאגען זיך צו נעהמען ארדערס פון זינאוויעוו'ן און לאזאווסקי'ן. אדער פון זייערע ארטיגע אגענטען.

פון וואנען קריגען די קאמוניסטען געלט?

אז די גאנצע קאמוניסטישע באוועגונג אין אלע לענדער ווערט ניט נאר דירעקטירט, נאר אויך פינאנסירט פון דער רוסישער רעגירונג, איז שוין יעצט פאר קיינעם קיין סוד ניט. הערבערט מאררויסאן, דער סעקרעטאר פון דער לאנדאנער סעקציע פון דער בריטיש לייבאר פארטי, האט ניט לאנג צוריק אויסגערעכענט, אז דער גאנצער איינקונפט פון דער ענגלישער קאמוניסטישער פארטיי פאר'ן פארגאנגענעם יאהר האט ניט געקענט זיין מעהר פון 5000 פונט שטערלינג (עטליכע און צוואנציג טויזענט דאלאר), ווערענד איהרע אויסגאבען זיינען געווען וויינינגסטענס צעהן מאל אזוי גרויס; און דער דעפיציט האט ניט געקענט געדעקט ווערען פון קיין אנדער קוועלע, ווי נאר פון מאסקווע. דאס זעלבע זעהען מיר אויך אין אלע אנדערע לענדער. און אויך דא ביי אונז אין אמעריקא.

לויט דעם אפיציעלען באריכט פון דער „וואירקערס פארטי", האט די דאזיגע פארטיי אין יאהר 1924 געצעהלט 15,233 מיטגלידער. די ארגאניזאציאנס אויסגאבען אליין פון דער פארטיי האבען אין יאהר 1923, לויט דעם אפיציעלען באריכט פון דעם פארטיי־סעקרעטאר, באטראפען 140 טויזענט דאלאר. פון דער דאזיגער סומע איז נאר ארום 40 טויזענט דאלאר געדעקט געווארען מיט דער דיוס פון די מיטגלידער. פון וואנען מען האט גענומען די איבריגע 100 טויזענט דאלאר, דערצעהלט ניט דער באריכט.

אבער דאס איז נאך ניט אלץ. די קאמוניסטישע פארטיי פון אמעריקא גיט ארויס 14 טעגליכע צייטונגען, 8 וואכענבלעטער און עטליכע מאנאטליכע זשורנאלען. קיין איינציגע פון די דאזיגע צייטונגען באצאהלט זיך אליין ניט. מיט דער אויסנאהמע פון איינער אדער צווי, האבען די אלע קאמוניסטישע צייטונגען ניט קיין לעזער און ניט קיין אדווערטייזמענטס. די איטאליענישע פעדעראציע פון דער „וואירקערס פארטי", וועלכע צעהלט איינגאנצען 319 מיטגלידער, גיט ארויס אן אייגענע טעגליכע צייטונג. די אונגארישע פעדעראציע פארמאגט 359 מיטגלידער און גיט ארויס א טעגליכע צייטונג, די פוילישע פעדעראציע האט בלויז 245 מיטגלידער און דאך גיט זי אויך ארויס א טעגליכע צייטונג. דער ענגלישער צענטראל ארגאן פון די קאמוניסטען, וועלכער האט ניט קיין איינציגען אדווערטייזמענט און די אומבאדייטענדסטע צאהל לעזער, געהט ארויס יעדען טאג אין זעקס זייטען און זונטאג נאך מיט א ספעציעלער ביילאגע. און ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די מעהרסטע קאמוניסטישע צייטונגען האבען גאר קיין שום איינקונפטען ניט, געהען זיי פונדעסטוועגען ארויס יעדען טאג, און מאנכע פון זיי האבען זאגאר באוויזען צו קויפען הייזער און איינצופיקסען זיך אייגענע דרוק־מאשינען מיט אייגענע פרינטינג פלענטס.

דער דעפיציט פון די אלע 14 טעגליכע קאמוניסטישע צייטונגען דערגרייכט די סומע פון עטליכע הונדערט טויזענט דאלאר א יאהר. ווידער איז די פראגע — ווער דעקט די אלע ריזיגע אויסגאבען פון דער קאמוניסטישער פארטיי? אן ענטפער אויף דעם האט געגעבען ניט קיין אנדערער, ווי זינאוויעוו אליין, דער פרעזידענט פון קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל. דער ענטפער באשטעהט נאר אין איין קורצער פראזע: „געבען א זייטיגע הילף די אמעריקאנער קאמוניסטען איז איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאבען פון דעם קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל."

עס איז קלאר, אז מאסקווע קלייבט זיך ניט אפצושטעלען די קאמוניסטישע פראפאגאנדא אין אמעריקא, און אזוי לאנג ווי די רוסישע קאזנא וועט סובסידירען די היגע קאמוניסטישע צייטונגען און וועט אויסהאלטען אויף איהר געלט א גאנצען שטאב מיט באצאהלטע אגענטען און באצאהלטע ארגאניזיירערס צו באקעמפען און דעמאראליזירען אונזערע יוניאנס, וועט די עקזיסטענץ פון אונזערע יוניאנס שטענדיג שטעהן אין געפאהר, סיידען מיר זאלען באצייטענס אננעהמען די נויטיגע מיטלען און וואס שנעלער אויסשניידען דאס קאמוניסטישע ווילד־פלייש פון אונזערע ארגאניזאציעס.

ווי אזוי די יוניאנס אין אנדערע לענדער האבען זיך געפיהרט מיט די קאמוניסטען

מיר מוזען אננעהמען געגען די קאמוניסטען די מיטלען, וועלכע עס האבען אנגענומען געגען זיי די פראגרעסיווע און סאציאליסטישע יוניאנס פון אלע אנדערע לענדער. שוין אין מאי, 1922, האט דער אמסטערדאמער טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל פארעפענטליכט אן ערקלעהרונג, אין וועלכער עס ווערט צווישען אנדערעס געזאגט:

„אויב מען זאל אפילו אננעהמען, אז די מאסקווער פיהרער שטעלען זיך ניט די אויפגאבע צו אריינצוברענגען א שפאלטונג אין דער ארבייטער באוועגונג, פיהרען אבער אין דער פראקטיק די מעטאדען, וועלכע זיי ווענדען אן אין זייערע מינדליכע און שריפטליכע ארויסטרעטונגען געגען אונזערע יוניאנס, אומפארמיידליך צו דער צושטערונג פון דער איינגקייט אין יעדען לאנד באזונדער און צו דעם, אז די ארבייטער זאלען ארונטערפאלען אונטער דער מאכט פון די קאפיטאליסטען."

און אין א פאר מאנאטען ארום האט די עקזעקוטיווע פונ'ם אינטערנאציאנאל אנגענומען דעם פאלגענדען באשלוס:

„נעהמענדיג אין אנבאטראכט, אז די ארבייט פון דעם דריטען אינטערנאציאנאל פארשטארקט כסדר די געפאהר פון רעאקציע, באשליסט דאריבער די עקזעקוטיווע פון דער אינטערנאציאנאלער פעדעראציע פון די „געווערקשאפטען" (טרייד יוניאן אינטערנאציאנאל), אז די טעטיגקייט פון מאסקווער אינטערנאציאנאל איז געריכטעט אריינצוברענגען א שפאלטונג אין דער ארבייטער באוועגונג, און דאריבער שטעלט זיך יעדע ארגאניזאציע, וואס שטעהט צו צום „פראפאינטערן" אדער „קאמאינטערן" דערמיט אליין אוועק מחוץ למחנה פון דער אינטערנאציאנאלער פעדעראציע פון די געווערקשאפטען."

די צענטראלע קערפערשאפט פון די דייטשע יוניאנס איז געגאנגען נאך ווייטער. זי האט אויף א ספעציעלען קאנגרעס, דעם 15טען דעצעמבער, 1920, אנגענומען דעם פאלגענדען באשלוס:

„די יוניאנס זיינען פארפליכטעט מיט אלע מיטלען, וואס זיי באזיצען, ניט צו דערלאזען די קאמוניסטען אדער די אנהענגער פון דער מאסקווער רעגירונג צו פיהרען זייער צושטערענדע ארבייט."

אין יאנואר, 1921, האט דער דייטשער מעטאליסטען פאראיין, אויף דער שפיץ פון וועלכען עס שטעהט דער באריהמטער ראדיקאלער סאציאליסט דיסמאן, אנגענומען א באשלוס, אז יעדער איינער, וואס פיהרט אן אין די יוניאנס די טעטיגקייט, וואס ווערט פארגעשריבען פון קאמוניסטישען אינטערנאציאנאל, מאכט דערמיט שווערער דעם אזוי אויך שווערען קאמף געגען די קאפיטאליסטען, און דאריבער דארף ער באטראכט ווערען אלס א פ י י נ ד פון דער יוניאן."

נאך שטרענגער האט געהאנדעלט דער דייטשער פאראיין פון די אייזענבאהן ארבייטער, ווען די בערלינער לאקאלס האבען ערוועהלט קאמוניסטען אלס מיטגלידער פון זייערע עקזעקוטיוו באארדס. די דזשענעראל עקזעקוטיווע פון דער אייזענבאהן־ארבייטער יוניאן האט בטל געמאכט די וואהלען אויף דעם גרונד, וואס די קאמוניסטען שטעהען ניט אויף דער פלאטפארם פון פאראיין און רעכנען זיך ניט מיט די באשליסע פון פאראיין.

דער צענטראל־ארגאן פון די דייטשע געווערקשאפטען, די „קארעספאנדענץ־בלאט", האט אין זיין נומער פון 12טען אויגוסט, 1922, געשריבען:

„דער ערגסטער פיינד פון יעדער קאמפס־ארגאניזאציע — דאס איז דער פיינד, וואס געפינט זיך אין איהרע איי־

(שלוס אויף זייט 11).

ארבייטער, געפיהרט דורך די ארבייטער; און די שארלאטאנסקע קאמוניסטען האבען אלס זייער מאטא: ד י י ו נ י א ן און אלץ אין איהר פאר דעם גרויסען בלאף, וואס רופט זיך „וואירקערס פארטי".

* * *

לאזט זיך ניט פאר א מאמענט פארטויבען פון דעם געשריי, אז דער דזשאינט באארד איז באפאלען די אפיסעס פון די דריי לאקאלס, און ארויסגעווארפען אומגעזעצליך אייערע עקזעקוטיוו באארדס. עס איז פונקט פארקערט. די דאזיגע עקזעקוטיוו באארדס זיינען פון דעם דזשאינט באארד סוספענדירט געווארען, ווייל גאנץ שווערע און וויכטיגע קלאגען זיינען געגען זיי געמאכט געווארען. וואלטען זיי געווען ריכטיגע יוניאן־מענשען, וואלטען זיי מיט גוטען באדארפט גלייך איבערגעבען אלעס, וואס איז זיי אנפארטרויט געווארען, צום אפיס פון דער אינטערנעשאנאל, ביז עס וועט באוויזען ווערען זייער שולד אדער אומשולד. אבער זיי האבען דאס ניט געטאן. זיי האבען געוואלט מיט געוואלד בלייבען אויף זייערע שטעלען. דערמיט האבען זיי געבראכען די דיסציפלין, וועלכע איז העכסט נויטיג פאר דעם לעבען פון יעדער יוניאן. דאס גרעסטע איז זייער פארברעכען, ווייל זיי זיינען געווען באאמטע, און דערמיט אליין, שוין ניט ריידענדיג וועגען דעם, וואס זיי האבען געטאן און טוען עד היום, האבען זיי זיך ארויסגעוויזען פאר די ערגסטע שונאים פון דער יוניאן.

* * *

לאזט זיך אויך ניט איינריידען, אז די קלאגען געגען זיי זיינען ניט וויכטיגע. זיי זיינען פון דער העכסטער וויכטיגקייט. צו נעהמען צוויי טויזענד דאלאר יוניאן געלט און דאס פארברויכען פאר אן אונטערנעהמונג, וואס האט גארניט צו טאן מיט דער יוניאן, איז א געוואלדיגער פארברעכען פון דעם יוניאן שטאנדפונקט. באטראכט, מען פארטרויט מענשען מיט גרויסע סומען, יעדער סענט פון וועלכע איז דורכגעווייקט מיט דעם ארבייטער'ס שוויים און בלוט, און זיי פארווענדען עס אויף דער טייוועל־ווייס־וואס. היינט האבען זיי געגעבען צוויי טויזענט דאלאר פאר אזא זאך, מארגען וועלען זיי פארווענדען דאס געלט פאר עפעס אנדערעס. קען מען לאזען אזעלכע אומפארטרויענסווערטע מענשען אין אפיס צו שאלטען און וואלטען איבער יוניאן געלדער? נאך ערגער איז די קלאגע צו האבען איינגעלאדען צו זייערע מיטינגען מענשען, וועלכע האסען די יוניאן, און וועלכע האבען זיך עפענטליך ערקלערט, אלס די ערגסטע שונאים איהרע. און לאזט זיך ניט פארבלאפען פון זיי, אז זיי האבען ליב די יוניאן, נאר זיי האסען איהרע פיהרער. דאס איז א געמיינער שווינדעל. די פיהרער זיינען די נשמה פון דער יוניאן. זיי זיינען די פארקערפערונג פון דאס בעסטע און שעהנסטע אין דער יוניאן. צו האסען און פארלוימדען די פיהרערשאפט פון א יוניאן מיינט ניט קיין אנדער זאך, ווי צו וועלען צוברעכען און פארניכטען די יוניאן גופא.

* * *

געדענקט, קלאוקמאכער, דרעסמאכער, מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל, עס האנדעלט זיך וועגען אייער לעבען, וועגען אייער חיונה. די יוניאן, דאס זייט איהר אלע, ווען איהר זייט איינינג. ווערט איהר אבער אויפגעהעצט פון אלערליי בלאפס, און לאזט פאלען אלעס, וואס האט אייך ביז איצט פאר לאנגע יאהרען צוזאמענגעהאלטען, פאלט דערמיט אויך אייער יוניאן. ניט א בעסערע יוניאן וועט איהר האבען, נאר די געפאהר איז, אז איהר זאלט אין גאנצען קיין יוניאן ניט האבען. באדענקט זיך גוט, איידער איהר טוט עטוואס אומבארעכענטעס.

* * *

געדענקט, קריצט עס גוט איין אין אייערע מוחות, דאס וואס דארף און מוז זיין די מאטא פון יעדען יוניאן מאן: „ד י י ו נ י א ן א י ב ע ר א ל ע ס!"

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
MORRIS SIGMAN, President — S. YANOFSKY, Editor
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — H. SCHOOLMAN, Business Manager
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. VII. No. 28. New York, Friday, July 10, 1925.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Post Office at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

לאזט זיך ניט אויפהעצען!

א הייסע צייט אין שטאדט. אין אזא צייט ארבייט ניט דער געהירן ביי דעם מענשען מיט זיין גאנצער קראפט. דערפאר קאן איינער גאנץ לייכט זיך לאזען אויפהעצען און פארפיהרען. און פארפיהרער זיינען דא גענוג, ב. ה. עס איז דארום זעהר נויטיג, אז אונזערע ארבייטער און ארבייטערינס זאלען זיין אויף דער וואך, און בלייבען אזוי קאלט און איבערלייגט, ווי נאר מעגליך.

* * *

כדי זיי זאלען קענען בלייבען ביי זייער גאנצער געמיטליכקייט און רוהיגקייט, מוזען זיי געדענקען, אז עס האנדעלט זיך איצט אום א זעהר וויכטיגער זאך, אום זייער פרנסה. איין פאלשער שריט קען זיי ברענגען ממש צו בעטעל-ברויט; צו לאזען זיך פארפיהרען און הינרייסען בלויז פאר א ווילע, קען זיי קאסטען זייער יוניאן, וועלכע, מיט אלע איהרע פעהלערן, — און דאס זאל בארייטוויליג צוגעגבען ווערען, ווארים עס איז דאך גאר נימא עטוואס, וואס איז פאלקאם — איז די איינציגע באשיצערין פון דעם ארבייטער'ס בכבודיגע שטיקעל ברויט.

* * *

מיר ריידען ניט איצט צו די, פאר וועמען די אינטערעסען פון די ארבייטער שטעהען אויפ'ן סאמע לעצטען פלאן, און זייערע אויגען זיינען געריכטעט צו דער צייט, ווען משיח וועט קומען. אויף די ווילען מיר ניט און קענען ניט האבען די מינדסטע ווירקונג. מיר ריידען אויך ניט צו דעם גאנץ קליינעם פראצענט קלאוקמאכער און דרעסמאכער, וועלכע זיינען אין טרייד בלויז פאר א ווילע, אום צו מאכען וואס גיכער א פאר דאלאר, כדי זיי זאלען אליין קענען ווערען קאנטראקטארלאך. פאר די איז די יוניאן ווירקליך א גרויסע שטערונג אריינצוכאפען וואס מעהר אין דער קורצער צייט, וואס זיי האבען באשלאסען צו ארבייטען אין טרייד. מיר ריידען אויך ניט צו די יעניגע, וועלכע דערמאנען זיך נאך מיט סלינע און מויל אן די „גאלדענע" צייטען, ווען זיי האבען געארבייט אין די שעפער, אלס קליינע קאנטראקטארלאך, האבענדיג אונטער זיך א האלבען דוצען אדער מעהר גרינע „הענט", וועמען זיי האבען אומערבארעמליך באַגנב'עט און באַגזל'ט. איך פאר זיי איז די יוניאן א קללה שלא כתובה בתורה, און זיי אלע זיינען מיט אמאל געווארען „לינקע" און „קאמוניסטען", אין דער האפענונג, אז ווען די יוניאן וועט ווערען אדער אין גאנצער צובראכען, אדער, לכל הפחות, שטארק אפגעשוואכט, וועט זיך עפענען פאר זיי גאר א נייע לעבעדיגע וועלט. מיר ריידען אויך ניט צו די ביסעל סקעבס, וואס זיינען מיט קאפ און הארצען קיינמאל קיין אמת'ע יוניאן-לייט ניט געווען, נאר זיינען עס פשוט אוים מורא פאר דער יוניאן, און ווייל די יוניאן האט טאקע אויפגעפאסט אויף זיי מיט מויזענטער אויגען, אז זיי זאלען, חלילה, ניט געשטרויכעלט ווערען אין אלערליי סקעבעריי.

* * *

ניין. אט צו די אלע זעהר ניט-ווינשענסווערטע עלעמענטען אין דער יוניאן ריידען מיר ניט, ווייל מיר וויסען פאראויס, אז דאס וועט ניט העלפען. מיר ריידען אבער צו דער גרויסער מאיאריטעט קלאוקמאכער און דרעסמאכער, וועמען עס קריכען ניט אין קאפ אלערליי שטותים; וועלכע זיינען אויסען אייך זאך — צו מאכען א וואס מעהר זיכערען, א וואס בעסערען לעבען פון דער ארבייט, ביי וועלכער זיי זיינען באשעפטיגט. צו זיי זאגען מיר: לאזט זיך ניט אויפהעצען, בלייבט ביי אייער קאלטען, איבערלייגענדען שכל. פאסט אויף! קוקט זיך גוט צו צו אלע, וואס פילדערען און ליארעמען געגען אייער יוניאן און איהר פיהרערשאפט! עס וועט אייך ניט לאנג נעמען אויסצוגעפינען, אז די מעהרסטע פון די פיהרער פון דער דאזיגער יוניאן-ברעכערישער פארשווערונג זיינען פשוט'ע אויסוואורפען; מענשען אהן א ברעקעל געוויסען; מענשען אהן דער מינדעסטער סימפאטיע פאר'ן ארבייטער; מענשען, וועלכע האבען קיינמאל ניט געטאן דאס מינדעסטע אום צו העלפען די ארבייטער אין זייערע קאמפען פאר א בעסערען לעבען; מענשען, וועלכע קענען ניט אנווייזען אויף דאס מינדעסטע, וואס זיי האבען אויפגעבוים, וואס זאל זיין צום נוצען פון די ארבייטער.

* * *

קוקט זיך צו, און איהר וועט געפינען, אז אלע די, וואס ריידען פון און פאר די ארבייטער, האבען אין דער אמת'ען די ארבייטער טיף אין דער אדמה. דער ארבייטער איז פאר זיי בלויז א ווערקצייג אום צו דערגרייכען צו א צוועק, וואס האט גארניט צו טאן מיט דעם ארבייטער'ס ווירקליכע אינטערעסען. גאר אפט איז דער צוועק אזעלכער, וואס געהט פונקט להיפוך די אינטערעסען פון די ארבייטער. קוקט זיך צו און איהר וועט געפינען, אז די מעהרסטע פון זיי זיינען גאנץ אומבאקאנטע פארשוינען; איהר ווייסט ניט, וואס זיי האבען נעכטען געטאן, און איהר קענט ניט זיין זיכער, וואס זיי וועלען מארגען טאן. פאראן צווישען זיי עטליכע, וועמען איהר קענט יא אביסעל, וועט איהר אבער אויסגעפינען פון זייער גאנצער לעצענס-געשיכטע, אז דאס זיינען פארשוינען, אויף וועלכע איהר קענט זיך גאנץ ווייניג פארלאזען. זיי האבען, כמעט זיי האבען געהאט גענוג געלעגענהייטען, מיט קיין זאך ניט באוויזען, דאס זיי האבען צום הארצען די אינטערעסען פון די ארבייטער.

* * *

לאזט זיך ניט אויפהעצען פון אלערליי שארלאטאנעס. פון איין זייט וועט מען אייך זאגען, אז אייער יוניאן האט גארניט אויפגעטאן פאר אייך, און איהר האט גארניט וואס צו פארלירען. אפילו, ווען די יוניאן זאל צושפאלטען ווערען, אדער, ווען זי זאל אינגאנצען פארשווינדען. בעטען מיר אייך זיך ניט אויפצורעגען פון די דאזיגע בילער אויף אונזער יוניאן. הערט זיי אוים געלאסען, און דאן קערט זיך אום צו זיי מיט'ן אלף מחילות... ווארים ביי זיך אין הארצען, וואס פאר א מאמענטאנע קריוודעס איהר מעגט האבען געגען דעם אדער יענעם יוניאן-באאמטען, ווייסט איהר דאך, אז עס איז געווען אייער איינציקער, אייער יוניאן, וועלכע האט אייך ארויסגעצויגען מעבדות לחירות, פון שקלאפעריי צו פרייהייט; עס איז די יוניאן, וועלכע האט באגראבען דעם סוועטינג סיסטעם; עס איז די יוניאן, וואס האט כמעט ווי אויף א העלפט פארקירצט אייערע ארבייטס-שטונדען; עס איז די יוניאן וואס האט איינגעפיהרט, דאס, ווען איהר האט ארבייט, זאלט איהר קריגען א „לעבענס-ווידזש"; עס איז די יוניאן, וואס האט אויסגעפיהרט, אז איהר זאלט זיין ווי וויים מעגליך פארזארגט פאר דער צייט, ווען איהר האט ניט קיין ארבייט; עס איז די יוניאן און נאר די יוניאן, וועלכע האט אויסגע-פיהרט, אז דער באס זאל ניט קענען אייך ארויסווארפען פון שאפ, ווען עס פארווילט זיך איהם; עס איז די יוניאן, וואס האט נאך פילע קעמפע אויס-געפיהרט, אז אויך די ארבייטער זאלען האבען זייער ווארט אין דער פיהרונג פון דעם שאפ, און האבען אויפגעהערט צו זיין בלויז שטומע שקלאפען, וואס האבען נאר איין זאך צו טאן, צו פאלגען בלינד אלעס, וואס מען הייסט זיי. ס'איז די יוניאן, וועלכע האט פארהיט, אז די אייזערנע מאשין זאל ניט קענען ארויסווארפען די ארבייטער אין גאס און איבערלאזען זיי אין דעם גרעסטען עלענד. עס איז די יוניאן, וואס ווענדעט אן אלע איהרע כוחות פאר די אלין בעסערע און גרעסערע גייסטיגע אויסבילדונג פון די ארבייטער. אזוי, דאס ווען מען פארגלייכט די מעמבערס פון דער יוניאן פון א פערטעל יאהר-הונדערט צוריק מיט די פון אונזער צייט, גלויבט זיך פשוט ניט, אז דאס זיינען דיזעלבע קלאוקמאכער און דרעסמאכער.

* * *

דאס אלעס האט די יוניאן אויפגעטאן. ווער עס לייקענט דאס, איז אדער א שארלאטאן, אדער א באלוואן. צו זאגען, אז דאס וואלט פאסירט זא־ווי־זא, איז משוגעת... פארקערט, ווען ניט די יוניאן, וואלט עס געווים געווארען ערגער און ערגער, אבער בשום אופן ניט בעסער. די באסעס זיינען ניט געווארען פון העלער הזיט מעהר מענשליך, מעהר אנשטענדיג, עס איז געווען די יוניאן, וואס האט זיי „אויסגעלערענט". עס איז געווען די יוניאן, וועלכע האט זיי געלערענט צו האבען דרך ארץ פאר'ן ארבייטער. און זאל די יוניאן, חלילה, פאר א פאר מאנאטען אויפהערען צו פונקציאנירען, און איהר וועט זעהן, ווי די איצטיגע „דזשענטעלמען" וועלען באלד ווידער פארוואנדעלט ווערען אין די ווילדע עקספלואטאטארס פון די אמאליגע יאהרען און שינדען זיבען פעלען פון די ארבייטער.

* * *

פון דער אנדערער זייט וועט מען אייך זאגען, אז די יוניאן קעמפט ניט שטארק גענוג, אדער, אום צו געברויכען זייערע קאמאפלאזש-פראזען, אז די יוניאן פיהרט ניט אן דעם קלאסען-קאמף. זייט-זשע רוהיג, לאזט זיך ניט אויפהעצען פון דעם דאזיגען בלאף-געשריי. יעדע מינוט אין טאג, יעדען טאג אין וואך, און יעדע וואך אין חודש, און יעדען חודש אין יאהר פיהרט די יוניאן אן דעם אנגעשטרענגסטען און שטארקסטען קלאסען-קאמף, ווי נאר אן ארבייטער-ארגאניזאציע קען עס אנפיהרען. זי ווייזט ארוים ביי יעדער געלעגענהייט די באסעס איהרע שארפע ציין, און די באסעס פיהלען עס אזוי שטארק, דאס זייער הויפט-קלאג געגען דער יוניאן פאר דער גאווערנאר-קאמיסיע איז געווען דאס, וואס די יוניאן איז אזוי שטרענג, און פאדערט איהר גאנצען פונט פלייש. איהר קענט זיך פארלאזען, אז די באסעס האבען עס אויף א האר ניט איבערטריבען. מיט דער גרעסטער איפערזיכטיגקייט פאסט אויף די יוניאן, אז די באסעס זאלען נאכקומען אלע זייערע פארפליכ-טונגען. עס איז אמת, דאס אין דעם שטענדיגען קאמף, וואס די יוניאן פיהרט אן, קומט אמאל אוים צו מאכען א געוויסען ריקטריט; אמאל איז עס נויט-ווענדיג צו פארזעהן א קליינע עולה, אבער דאס ווערט געטאן ניט אין די אינטערעסען פון די באסעס, נאר דוקא אין די אינטערעסען פון די ארבייטער. און ווער עס זאגט אייך, אז די יוניאן שטעהט אויף דער זייט פון באסעס, איז א געמיינער שופט. אזא לומפ, רייידענדיג אויף אזא אופן, האלט די ארבייטער פאר די ערגסטע שוטים, וועלכע וועלען פארדייען אלעס, וואס ער וועט זיי אנדולען א מוח. אזעלכע בלאפערישע רייד זיינען ניט נאר א לומפיגע פארלוימדונג אויף דער יוניאן, נאר די ערגסטע באליידיגונג אויף דעם ארבייטער'ס אינטעליגענץ.

* * *

לאזט זיך ניט אויפהעצען געגען די פיהרער פון אייער יוניאן. מענשען זיינען ניט קיין מלאכים. זיי קענען באגעהן פעהלערן. ווער עס האט קיין מאל ניט באגאנגען קיין פעהלער, ווילען מיר זאגען מיט די ווערטער פון יעזוס קריסטוס, דער זאל ווארפען אין זיי דעם ערשטען שטיין. אבער אלעס אין אלעם איז די פיהרערשאפט פון אייער יוניאן אזעלכע, מיט וועלכער די גאנצע ארבייטער באוועגונג מעג באמת שטאלצירען. יעדער איינער פון זיי האט עס באוויזען ניט מיט פוסטע פראזען, נאר מיט זיין גאנץ לעבען פון קאמף אין די אינטערעסען פון די ארבייטער. זיי אלע זיינען געווארען גרוי און אלט אין דער באוועגונג. איהר קענט זיי אלע, זייער גאנצער לעבען איז אן אפענער בוך פאר אייך. זיי האבען דורכגעטראגען די יוניאן דורך איהרע ערגסטע צייטען. זיי האבען די יוניאן אויפגעהאדעוועט. זיי זיינען ניט געקומען ערשט נעכטען צו אלעם פארטיגען, אזוי, אז עס זאל זיי ניט ארען, צי די יוניאן וועט ווייטער לעבען אדער אונטערגעהן. זי איז זייער קינד, וואס איז פאר זיי דאס טייערסטע. זייער גאנצער לעבען איז פארבונדען און פארוויקעלט אין דער יוניאן, און נאר די געמיינסטע שארלאטאנעס קענען האבען די חוצפה און זיי מכבד זיין מיט דעם נאמען „פאררעטער" פון די ארבייטער און זייערע אינטערעסען. און נאר די משונה'דיגסטע נארען, אהן א ברעקעל פארשטאנד אין זייערע מוחות, קענען אויף א מאמענט שענקען די דאזיגע פארלוימדער דעם מינדעסטען גלויבען.

* * *

לאזט זיך אויף א מאמענט ניט איינריידען, אז אייערע פיהרער, וועמען איהר האט אויסערוועהלט, אלס די פארטרויענסווערטע, אלס די פעהיגסטע, טראכטען פאר א מאמענט וועגען זייערע דזשאבס, די מעהרסטע פון זיי האבען ביי פילע געלעגענהייטען באוויזען, אז זיי האבען גארניט אין זינען דעם דזשאב, און ניט איין מאל האבען זיי געווארפען זייערע עמטער, ווייל זיי האבען פאר דעם מאמענט זיך געפיהלט אומפעהיג, צו פארנעהמען זיי. אין דער איצטיגער מהומה האבען איינינע פון די, וואס פיהרען דעם קאמף געגען די פייקערס זיך אפגעזאגט פון זייערע שטעלען. כדי מען זאל ניט זאגען, אזוי זיי קעמפען פאר זייערע דזשאבס. עס איז פונקט פארקערט, די, וועלכע באשולדיגען אייערע פיהרער, אלס דזשאב-האלדערס, זוכען ניט קיין אנדער זאך, ווי נאר די דזשאבס. און די פיהרער פון דער אינטערנעשאנאל האבען פאר איין מאמענט באשלאסען צו געבען זיי דזשאבס, וואס דאס איז געווען ווירקליך א פעהלער, אבער א פארצייהליכער, ווייל ער איז געמאכט געווארען אין דער האפנונג, אפשר וועלען די דאזיגע מענשען ארויסווייזען זיך אלס גענוג עהרליך און פעהיג פאר זייערע עמטע. ליידער האבען זיי באלד ארויסגעוויזען זייער מאנומענטאלע אומעהרליכקייט און אומפעהיגקייט, און די פיהרער, וועמען איהר האט אנגעטרויט דעם שיקזאל פון דער יוניאן, האבען ניט געהאט קיין אנדער ברירה, ווי ארויסצוזעצען זיי פון זייערע שטעלען, כדי צו ראטעווען דעם כבוד און די גאנצקייט פון דער יוניאן.

* * *

לאזט זיך ניט פארפיהרען פון דעם שארלאטאנסקען געשריי פאר א יוניאן, וואו די ארבייטער אליין זאלען זיין די פיהרער. ווי דער אמת איז, איז עס איצט טאקע אזוי, דאס די ארבייטער אליין זיינען די פיהרער פון דער יוניאן. נימא קיין איינציגער יוניאן-טוער, וואס איז ניט קיין ארבייטער. אלע איצטיגע פיהרער זיינען ערשט נעכטען געווען איינפאכע שאפ-ארבייטער. געקומען זיינען זיי צו זייער, אויב איהר ווילט, גדולה, ווייל איהר האט זיי אויסערוועהלט. די שארלאטאנעס, וואס רופען זיך קאמוניסטען, געפעהלט עס אבער ניט. וואס זיי ווילען, איז צו זיין די גאנצע דעה-זאגער אין דער יוניאן. זיי ווילען מאכען די ארבייטער פאר זייערע בלינדע ווערקצייג. און דאס איז דער סאמע תוך פון דעם איצטיגען קאמף. דער דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער און דער ג. ע. ב. פון דער אינטערנעשאנאל האבען אלס זייער מאטא: די יוניאן פאר די ארבייטער, פון די

די אידישע ארבייטער אין פוילען קעמפען פאר רעכט אויף ארבייט און אויף לעבען

ווארשא.

פוילען לעבט איבער א שווערען ווירטשאפטליכען קריזיס. דער קריזיס דויערט שוין אן אויפהער פון אנפאנג 1924. ער דריקט זיך אויס אין א סטאבילער ארבייטסלאזיגקייט, וואס באהערשט כסדר 150 טויזענד ארבייטער פאמיליעס און אין א כסדר'דיגען פאלען פון רעאלען לוין פון יענע „גליקליכע", וואס ארבייטען יא. די פרייזען אויף לעבענס מיטעל פראדוקטען שטייגען קאנזעקווענט און אבזורות'דיג, דער לאקאטארען שוץ איז דורכ'ן פארלאמענט טיילווייז אפגעשאפט געווארען און עס האלטען אין איין שטייגען די פרייזען פון דירות. אפילו די ארבייטענדיגע אין פוילען לעבען אין דער ערגסטער נויט און פארצווייפלונג. דאס טאג טעגליכע בילד, וועלכען עס באגעגנען די וואס קומען אין די ארבייטער קווארטאלען איז, א גרופע פארצווייפעלטע פרויען וואס שטעהען הילפלאזע מיט זייערע קוישלאך און מיט די עטליכע גראשענס וואס די מענער האבען פארדינט, פאר וועלכע זיי האבען נישט וואס צו קויפען... אויסגעבלייכטע און אפגעריסענע קינדער, וואס זוכען זיך אין גאס עפעס אין מויל אריינצונעמען און לאנגע רייען פון ערנסט שוויגענדע ארבייטער, וואס ווארטען פאר די ארבייטס פארמיטלונגס ביוראס האלב מיט יאוש, האלב מיט האפנונג: אפשר וועט זיך פארט געפינען עפעס א בעלן אויף זייערע ארבייטס-הענד?...

אין אנפאנג זיינען געווען אפטימיסטען צווישען די פוילישע פאליטיקער, וואס האבען גיזאגט, אז דאס איז א פארבייגעהענדע שלעכטס; — „אט, זאל נאר אנקומען דער נייער שניט — און אלץ וועט ווערען גוט" — אבער עס איז שוין געקומען די אמעריקאנער הלואה און שוין דאס צווייטע מאל קומט אן א נייער שניט און דער קריזיס און די נויט פרעסען זיך אלץ טיפער אריין אין דער באפעלקערונג פון פוילען, ווייל עס ווערט אין פוילען געטריבען אזא אינערליכע פאליטיק, וועלכע מוז יעדען טאג אלץ מער פארארימען די ארבייטער און ברייטע פאלקס-מאסען, דאס איז די פאליטיק פון שטענדיגען פארערגערען די פארדינסטען און די ארבייטס באדינגונגען פון די ארבייטער מאסען. מיט דעם ווערט פארקלענערט זייער קויפס-קראפט, מען פארניכטעט דעם אינערליכען אפזאץ-מארק. קיין אויסלענדישע אפזאץ-מארק האט נאך די פוילישע אינדוסטריע נישט באוויזען צו דערווערבען, שאפט זיך אזא פאר'כישוף'טער ראד: וואס גרעסער דער נויט פון דער באפעלקערונג, אלץ קלענער זייער קויפס קראפט, אלץ גרעסער די ארבייטסלאזיגקייט, אלץ גרעסער די נויט — און אזוי ווייטער, אן אן אויפהער.

עס איז פאראן איין רעטונג פאר דער פוילישער אינדוסטריע: הויבען דעם אינערליכען מארק, דורך פארבעסערען די עקאנאמישע לאגע פון דער באפעלקערונג און דערווערבען אפזאץ מארק אין אויסלאנד, דורך פארפאלקאמען די טעכנישע פראדוקציע מיטעל. דאס זיינען טאקע די פאדערונגען פון די ארבייטער. זיינען אבער די פוילישע פאבריקאנטען צו

עקאנאמישע פערספעקטיוון פון די אידישע ארבייטער אין פוילען

(ספעציעל פאר די „גערעכטיגקייט").

פון ז. ארטור

פויל אויף דעם, ווי ווילען בעסער ביליגער מאכען די פוילישע פראדוקטען אויף דעם חשבון פון א פארקלענערטען ארבייטס לוין און א פארלענגערטען ארבייטס-טאג. פון דער אנדער זייט, פירט די פוילישע רעגירונג א באוואוסטזיניגע פאליטיק פון פארוואנדלען פוילען אויסשליסליך אין אן אגרארי-לאנד, כדי פטור צו ווערען פון שטאדטישען פראלעטאריאט, וועלכער שטעהט איי ווי א ביין אין האלז.

אויב די פוילישע ארבייטער לעבען איבער א קריזיס, לעבען די אידישע ארבייטער אין פוילען איבער א טראגעדיע. פון אלע פוילישע ארבייטער זיינען ארבייטסלאז 20-30 פראצענט, פון אלע אידישע ארבייטער זיינען ארבייטסלאז 70-80 פראצענט. די פוילישע ארבייטסלאזע געניסען פון דער מלוכה-שטיצע פאר ארבייטסלאזע, פון די אידישע ארבייטסלאזע געניסט פון דער שטיצע א נישטיגע צאל, ווייל דער ארבייטסלאזער געזעץ, וואס דער פארלאמענט האט באשלאסען אין זומער פון 1924, בארעכטיגט צו געניסען פון דער שטיצע נאר ארבייטער פון פאבריקען, וועלכע באשעפטיגען מעהר ווי 5 ארבייטער. אזוי ווי די אידישע ארבייטער זיינען באשעפטיגט הויפטזעכליך אין דער קליין אינדוסטריע, האבען זיי נישט קיין רעכט צו געניסען פון דער ארבייטסלאזע-שטיצע. אזוי ארום האט זיך באקומען אזא לאגע: פונ'ם קריזיס ליידט הויפטזעכליך די קליין אינדוסטריע, זיינען דארייבער כמעט אלע אידישע ארבייטער אן ארבייט, אבער פון דער מלוכה שטיצע זיינען זיי אויסגעשלאסען.

דאס אלץ וואלט אבער געווען א האלבע טראגעדיע. דער עיקר איז די האפנונגסלאזיגקייט אין וועלכער עס לעבען איצט די אידישע ארבייטער אין פוילען. דער פוילישער ארבייטער האט נאך די האפנונג צו באקומען אמאל ארבייט אין א מלוכה'שער פאבריק אדער ביורא. דער אידישער ארבייטער ווערט אין די דאזיגע אונטערנעמונגען נישט צוגענומען. אין פוילען איז יעדער צענטער בירגער א רעגירונגס בעאמטער, אדער אן ארבייטער פון א רעגירונג'ס פאבריק. אבער צווישען דער גרויסער ארמעע פון ארבייטער און אנגעשטעלטע פון דער דאזיגער קאטעגאריע, איז כמעט נישטא קיין איין איד.

אז א פוילישער פאבריקאנט זאל ביי זיך באשעפטיגען אידישע ארבייטער, איז אפגערעדט, אבער אויך די רעגירונג און אלע קאמונאלע איינריכטונגען אין פוילען פירען קאנזעקווענט די פאליטיק פון מאכען „אידען-ריין" די פוילישע אינדוסטריע. כדי צו באקומען א בילד פון דער טראגישער לאגע, וואס האט זיך געשאפען פאר די אידישע ארבייטער אין פוילען, וועט זיין גענוג צו ברענגען די פאלגענדיגע פאקטען:

צוליעב דעם קריזיס זיינען געבליבען אן ארבייט אלע ארבייטער פון דער לעדער אינדוסטריע, פון דער בילינער (ביאליסטאקער) טעקסטיל אינדוסטריע, א גרויסער טייל פון דער באקליידונג און קאנפעקציע אינדוסטריע און פון א גאנצער רייע לעדער און מעטאל גאלאנטעריע פאכען. די אלע פאכען זיינען געווען באזעצט הויפטזעכליך פון אידישע ארבייטער. צו דעם קומט נאך צו די גרויסע ארמעע ארבייטסלאזע פון די אידישע האנדעלס-אנגעשטעלטע.

אין דער זעלבער צייט, איז נישט נאר וואס די רעגירונג באשעפטיגט נים קיין אידישע ארבייטער צוגלייך מיט נים אידישע אין איהרע אלטע אונטערנעמונגען, נאר זי ווארפט נאך ארויס די אידישע ארבייטער פון יענע אונטערנעמונגען וואס געהן איצט צו איהר אריבער. אין 1923 האט די פוילישע רעגירונג מאנאפאליזירט די טאבאק-פאבריקען. פריער זיינען אין די טאבאק פאבריקען געווען באשעפטיגט עטליכע טויזענד אידישע ארבייטער, אבער צייט די פאבריקען זיינען אריבער צו דער רעגירונג, ווערען פון דארט די אידישע ארבייטער סיסטעמאטיש באזייטיגט. בעת דעם קריג זיינען אין פוילען געווען 20-30 טויזענד אידישע באן ארבייטער, היינט איז קיין איין אידישער ארבייטער נישט באשעפטיגט אויף די באנען. ערשט די לעצטע טעג איז געשען אזא פאקט: אין ווארשע איז פאראן א אידישער שפיטאל, אין וועלכען עס זיינען געווען באשעפטיגט עטליכע הונדערט אידישע וועכטער און ארבייטער. איז אבער דער שפיטאל אריבער אין רשות פון מאגיסטראט, האט מען זיך גענומען אפילו פון דאנען צו באזייטיגען די אידען און באזעצען זייערע פלעצער מיט פאלאקען. עס איז שוין דערגאנגען צו אן עפענטליכען סקאנדאל, דער בונדישער ראטמאן (אלדערמען) ערליך האט שוין וועגען דעם עפענטליך אינטערפעלירט דעם ווארשאווער מאגיסטראט. אז די רעגירונג גיט פארשידענע באשטעלונגען פאר מיליטער און אנדערע צו פריוואטע אונטערנעמער, ווערט זיי געשטעלט אלס בפירושער תנאי, אז עס זאלען נישט באשעפטיגט ווערען קיין אידישע ארבייטער.

דאס זיינען בלויז איינציגע פאקטען, וואס אילוסטרירען די העכסט טראגישע לאגע פון די אידישע ארבייטער אין פוילען. אין טאקע היינט די ברענענדיגסטע פראבלעם פאר די אידישע ארבייטער — די פראגע וועגען רעכט אויף ארבייט. נאכמער: דאס דאזיגע פראבלעם שטעהט פאר גרויסע טיילען פון אידישען קליינבירגערטום; קליינקרעמערי, פערמיטלעריי און לופט פרנסות געהן אונטער. דאס אידישע קליינבירגערטום וואס בילדעט מיט זיך דעם גרעסטען טייל פון דער אידישער באפעלקערונג אין פוילען לעבט אונטער דעם צייכען פון עקאנאמישען חורבן. דורך עמיגראציע קאנען זיך ראטעווען בלויז א נישטיגע צאל יחידים. דער וועג צו ראטעווען זיך פירט אין פאבריק אריין. אבער כדי עס זאלען באשעפטיגט ווערען אידישע ארבייטס-הענד אין א פארהעלטניש-מעסיג גלייכער צאל ווי נישט אידישע, דארף דורכגעבראכען ווערען די וואנט פון אנטיסעמיטיזם אין דער עקאנאמישער פאליטיק פון פוילען.

דאס פארשטעהען די אידישע ארבייטער, דאס פארשטעהען זייערע פראפעסיאנעלע און פאליטישע ארגאניזאציעס און — „גלייכע רעכט אויף ארבייט און אויף לעבען" איז היינט די פאפולערסטע לאזונג פון די אידישע מאסען אין פוילען. דער לאנד-ראט פון די אידישע פראפעסיאנעלע פאראיינען אין פוילען, האט ארום דער לאזונג אנטוויקעלט א ספעציעלע מאסען אגיטאציע צווישען די אידישע ארבייטער אין גאנצען לאנד, ער האט אין נאמען פון די אידישע ארבייטער איבערגעשיקט א ספעציעלען מעמאריאל צו דער רעגירונג וועגען דער פראגע, אזא קאמפיין האט אויך אנטוויקעלט דער „בונד". די בונדישע ראטגעבער (אלדערמענס) אין אלע שטאדט-ראטען רופען ביי אלע געלעגענהייטען ארויס די פאדערונג פון רעכט אויף ארבייט פאר די אידישע ארבייטער.

מיט דער פראגע וועגען דער עקאנאמישער צוקונפט פון די אידישע ארבייטער אין פוילען האט זיך אויך זעהר ברייט פארנומען דער דריטער צוזאמענפאר פון די אידישע פראפעסיאנעלע פאראיינען (געווערקשאפטען) אין פוילען, וואס איז פארגעקומען אין אפריל. דער צוזאמענפאר האט טאקע אויסגעארבייט די ווייטערע ריכטליניען פון קאמף פאר די ווירטשאפטליכע פאדערונגען פון די אידישע ארבייטער.

די דאזיגע פראגע וועט דורך די בונדיסטען אויך געשטעלט ווערען אויף דעם לאנד-קאנגרעס פון אלע געווערקשאפטען אין פוילען, וואס עפענט זיך דעם 11טען יוני אין ווארשע. אזוי ארום וועלען אויך די פירער פון די פוילישע ארבייטער זיין געצוואונגען צו געבען אויף דער אנגעווייטאגטער פראגע אן ענטפער.

טראץ דעם גאנצען טראגיזם אין וועלכען עס לעבען די אידישע ארבייטער, איז פונדעסטוועגען צווישען זיי נישט פאראן קיין פארלוירענקייט. זיי האבען די זיכערקייט, אז עס וועט זיך זיי דאך איינגעבען דורכצוברעכען די וואנט, וואס פארשטעלט זיי דעם וועג צו דער פוילישער פאבריק. דאס איז היינט זייער איינציגע האפנונג.

* * *

מיט א קורצער צייט צוריק האט אין פוילען געווײלט דער וויס-פרעזידענט פון „אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן" — גענ. דובינסקי, וועלכער איז דורך די אידישע ארבייטער פירער אויפגענומען געווארען אלס גרעטער גאסט. גענ. דובינסקי האט באזוכט אלע אידישע ארבייטער אינסטיטוציעס און האט זיך גענוי אינטערעסירט מיט זייער לעבען און קאמף.

נער טרייעל פון א לעהרער, וואס האט פאר זיינע תלמידים ערקלערט די טעאריע פון עוואלוציע, וואס דער געזעץ פון שטאאט טענעסי האט שטרענג פארבאטען. עס איז קיין פראגע נים, דאס די גאנצע פרעסע פון אמעריקא און פון דער גאנצער וועלט וועט זיך קאכען מיט דעם פראצעס, און די פראפאגאנדע פאר די טעאריע פון עוואלוציע און געגען די מעשה פון דער ביבעל, אז גאט אליין האט זיך מטריח געווען אין דער באשאפונג פון אדם איז ווירקליך נים אפצושאצען. דער פאקט איז, אז אין די לעצטע עטליכע וואכען איז דער דאזיגער טרייעל געווארען די סענסאציע פון דער וועלט. א דאנק, א גרויסען דאנק קומט דערפאר דעם וואוילבאקאנטען וויליאם דזשענינגס בריען. ער איז עס פאראנטווארטליך פאר דער גאנצער מהומה, און כאטש זיין אביכט איז צו פארברייטען וואס מעהר פינסטערניש אין די מענשליכע מוחות, אבער פראקטיש וועט זיין אויפטו פיהרען צו אלץ מעהר און מעהר אויפקלעהרונג און צו דער אויסראטונג פון די אלטע איינגעווארצעלטע פאראורטיילע. בריען שפילט דא ווירקליך די ראלע פון דעם טייפעל אין געטהע'ס פאוסט, וועלכער כאטש ער מיינט צו טאן אלדאס בייז, דאך, ניט-ווילענדיג, ברענגט זיין בייזע האנדלונג פיל גוטעס. א דאנק, א גרויסער דאנק קומט דעם פינסטערלינג בריען פון דער פראגרעסיווער וועלט.

די קאמוניסטישע מגפה אין אונזערע יוניאנס

(שלוס פון זייט 9).

גענע רייהען, אויב די יוניאנס ווילען איינהאלטען זייער מאכט, דאן מוזען זיי דורכפיהרען א ריינונג אין זייערע רייהען."

דעם 29טען אויגוסט, 1922, האט די צענטראלע לייטונג פון אלע סאציאליסטישע יוניאנס פון דייטשלאנד, צוזאמען מיט דעם פאראיין פון די רעגירונגס-אנשטאלטען, ארויסגעגעבען אן ערקלעהרונג, אין וועלכער עס ווערט צווישען אנדערעס געזאגט:

„עס קען ניט זיין קיין גרעסערער פארראט צו די ארבייטער, ווי אין דער יעצטיגער שווערער צייט אויפצוהעצען די מיטגלידער פון די יוניאנס געגען זייערע ערוועהלטע פיהרער און באאמטע און פארשפרייטען מיינונגספארשידענהייטען און אומצופרידענהייטען צווישען די ארבייטער און אנגעשטעלטע, ווי דאס טוען די קאמוניסטען."

און אזוי ווי די קאמוניסטען האבען זייער צושטערונגס-ארבייט ווייטער פארטגעזעצט, האבען פילע יוניאנס גאר אינגאנצען זיי אויסגעשלאסען פון זייערע רייהען, און א טייל יוניאנס האבען דורכגעפיהרט א באשלוס, אז קיין קאמוניסט אדער אזוינער, וואס אונטערשטיצט עפענטליך די קאמוניסטען, טאר ניט פארנעהמען אירגענד וועלכען אמט אין דער יוניאן.

אזוי האבען אויך געהאנדעלט די סאציאליסטישע יוניאנס פון בעלגיען, טשעכאסלאוואקיען, פראנקרייך, פוילען, עסטרייך און פון פילע אנדערע לענדער. עס איז די העכסטע צייט, אז אויך אונזער אינטערנעשאנאל זאל איינמאל פאר אלע מאל נעהמען א ראדיקאלע שטעלונג אויסצוראטען די קאמוניסטישע מגפה פון אונזערע רייהען.

די קאמוניסטישע פארטיי האט אונז ערקלעהרט אן אפענעם קריג. זיי טוען אלעס אין דער וועלט צו שעדיגען אונז אויף שריט און טריט. אין איהר קרייד-צוג געגען אונזער יוניאן שטעלט זיך די קאמוניסטישע פארטיי ניט אפ פאר קיינע מיטלען. יעדער איינציגער קאמוניסט, צי ער געהערט אפיציעל צו דער „טרייד יוניאן עדיוקיישאנעל ליג" אדער ניט, איז געבונדען דורך דער פארטיי-דיסציפלין צו האנדלען אין אלע יוניאן-פראגען ניט ווי דאס פאדערען די אינטערעסען פון דער יוניאן, נאר לויט דעם באפעהל פון דעם געהיימען קאמוניסטישען צענטראל קאמיטעט. יעדער איינער, וואס אונטערשטיצט עפענטליך, אויף אירגענד וועלכען אופן, די קאמוניסטישע ארבייט, העלפט דערמיט אונזער ביטערסטען פיינד צו באקעמפען די יוניאן און פאלגליך איז ער אליין א פיינד פון דער יוניאן.

מענשען וואס נעמען ארדערס פון אויטסייד קענען נים זיין באאמטע אין דער יוניאן

אויב מיר שליסען ניט אויס פון אונזערע רייהען אלע קאמוניסטען אדער אזוינע, וואס שטיצען די קאמוניסטען, טאר אבער די יוניאן ניט ערלויבען, אז מעמבערס פון דער „ווארקערס פארטי" אדער אזוינע, וואס שטיצען די „ווארקערס פארטי", זאלען פארנעהמען אירגענד וועלכען באצאהלטען אמט אין דער יוניאן. עס טאר ניט דערלאזען ווערען אין א יוניאן, אז באאמטע, וואס זיינען ערוועהלט געווארען פון די מיטגלידער פון דער יוניאן, זאלען נעהמען ארדערס פון אן אויטסיידיגער פיינדליכער ארגאניזאציע, וועלכע האלט שטענדיג אין קאנספירירען געגען דער יוניאן. מיר מוזען האבען דיסציפלין אין אונזערע אייגענע רייהען. אהן דיסציפלין קען א יוניאן נים עקזיסטירען; און דער יעניגער, וואס שטעלט די דיסציפלין פון דער „ווארקערס פארטי" העכער פון דער דיסציפלין פון דער יוניאן און העלפט דער „ווארקערס פארטי" צו קאנספירירען געגען דער יוניאן, איז א פיינד פון דער יוניאן און טאר ניט פארנעהמען קיין שום אמט אין דער יוניאן.

מיר האלטען דארום, אז די אינטערנעשאנאל מוז מיט א שטארקער האנט איינמאל פאר אלעמאל מאכען א סוף צו דער קאמוניסטישער דעמאראליזאציע אין די יוניאנס. די קאמוניסטען האלטען מלחמה געגען אונז, און מלחמה איז מלחמה. דער, וואס שטעהט מיט די קאמוניסטען, איז אונזערער א פיינד און ער וועט אלס אזעלכער באטראכט ווערען.

ווייסט איהר, ווי עס האט זיך אנטוויקעלט די אידישע ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא? לעזט די געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן. פון דר. לואיס לעוויין, און איהר וועט מיט אלץ באקאנט ווערען.

פראפארציאנעלע רעפרעזענטאציע אין דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד

פון מ. שוטין

נאר פילע מענשען אויסער דער יוניאן האבען שטארק אויפגענומען דעם ענין פון „פראפארציאנעלע רעפרעזענטאציע" אין דעם דזשאינט באארד. ל. הייטאן, דער געוועזענער מענעדזשער פון לאקאל 9, האט זיך ארויסגעשטעלט אלס קעמפער פאר די דאזיגע רעפארם און האט געזוכט צו באהאלטען דעם גאנצען קאמף פון די קאמוניסטען אין דער קלאוקמאכער יוניאן אונטער דעם מאנטעל פון פראפארציאנעלע רעפרעזענטאציע.

נאטירליך מענשען, וועלכע ווייסען די פראגען פון דער יוניאן, קען מען די מעשיות ניט דערציילען. זיי ווייסען אז דאס ווינציגסטע, וואס די קאמוניסטען אינטערעסירט, זיינען רעפארמען לטובת די מיטגלידער, מיר ווילען אבער פאר א ווייליגע אננעהמען אז זיי מיינען ערנסט מיט דער פראגע פון פראפארציאנעלע רעפרעזענטאציע, און לאמיר זעהן וויפיל האפט עס איז דא אין זייער געשריי.

כדי מיר זאלען קלאר פארשטעהן, וועגען וואס עס האנדעלט זיך, מוזען מיר פריהער פארשטעהן די אויפגאבען פונ'ם דזשאינט באארד אין דער יוניאן און אויך צו וואס אזא אינסטיטוציע איז איבערהויפט נויטיג. די שניידער האבען באשאפען אזא אינסטיטוציע ניט צוליב א קאפריז אדער אזוי זיך, נאר זיי האבען איהר באשאפען, צוליב וויכטיגע עקאנאמישע אומשטענדען, מיט וועלכע די באלמעלאכעס אין די שעפער טרעפען זיך יעדען טאג. די פארמען אדער רעפארמען אין דער יוניאן ווערען געשאפען, לויט די באדערפניסע פון די מיטגלידער. מיר וועלען נעהמען פאר א ביישפיל די דרעס מאכער יוניאן אין ניו יארק — וויפיל ענדערונגען האט זי שוין דורכגעמאכט! אמאל, ווען דרעסעס זיינען געמאכט געווארען ווינציג און ווייסטס א סך, האט דאן עקזיסטירט לאקאל 25, וואס האט רעפרעזענטירט אלע ארבייטער פון די דרעס און ווייסט מאכער, אפילו די פרעסערס. נאכהער, ווען דרעסעס זיינען געווארען א מעהר גאנגבאר ארטיקעל, איז געווארען נויטיג צו באשאפען א דרעס און ווייסט מאכער דזשאינט באארד. שפעטער האט זיך די לאגע געענדערט, איז נויטיג געווארען, אז די דרעסמאכער זאלען אריינגענומען ווערען אין דעם דזשאינט באארד פון די קלאוק מאכער.

אויסרעכענען אלע די סבות וואלט געווען איבעריג. עס איז גענוג צו דערמאנען, אז די אלע זאכען האבען פאסירט אין דעם לעבען פון דער יוניאן און מיט קליינע פראטעסטען זיינען זיי דורכגעפיהרט געווארען צום נוצען פון די מיטגלידער. עס איז דערפון קלאר, אז א געוויסער סיסטעם אין דער יוניאן איז ניט א געזעץ פאר אייביג, און די פארמען פון דער ארגאניזאציע ענדערען זיך לויט דער צייט און לויט די אומשטענדען. די רעפארמען זיינען א רעזולטאט פון די קאנדיציעס אין דער אינדוסטריע. דאס זעלבע איז אויך וועגען פראפארציאנעלע רעפרעזענטאציע.

א קלאוק שאפ ווערט צוזאמענגעשטעלט פון פארשידענע באלמעלאכעס. איינער קען ניט טאן די ארבייט פון דעם צווייטען. א קאטער קען ניט טאן די ארבייט פון אן אפערייטאר. אן אפערייטאר קען ניט טאן די ארבייט פון א פרעסער. א פרעסער קען ניט טאן די ארבייט פון א פינישער א. אז. וו. יעדער טייל באלמעלאכעס האט זיך זיינע אינטערעסען, און אין יעדען שאפ איז דא א געוויסער טייל באלמעלאכעס, וועמענס לאגע איז א פיל גינסטיגערע, ווי די פון אנדערע טיילען. אזוי איז עס אמאל געווען דער שניידער, ער איז געווען דער יחסן, ער האט געמאכט דעם גרעסטען טייל אין א שטיק ארבייט. לעצטענס איז עס געווארען דער אפערייטער. דער אפערייטאר איז סיי לויט דער צאהל, וועלכע געפינען זיך אין שאפ, און סיי לויט דער ארבייט, וואס ער טוט, דער גאנצער יחסן. ער דיקטירט די באדינגונגען אין שאפ. די איבריגע טיילען זיינען כמעט אלע צוזאמענגענומען ניט שטארק גענוג מיט איהם זיך אויסצוגלייכען. און די מאכט האלט ער אן נאך היינט. די ארבייטער אין די שעפער זיינען כמעט קיינמאל ניט געווען אייניג וועגען דעם סטענדינג פון דעם אדער יענעם טייל באלמעלאכעס. עס וועט אפשר אויסקוקען דזשיק פאר מענשען, וועלכע זיינען ניט באקאנט מיט די פארהעלטנישען פון א שאפ, צו הערען, אז צווישען די באזונדערע טיילען פון די ארבייטער אין א שאפ נעהמט אן א שטארקע קאנקורענץ, און אז יעדער טייל דענקט, אז די יוניאן איז מחויב איהם פריהער צו פארטיידיגען און פארזארגען; יעדער טייל פיהלט, אז אויף זיין חשבון האט מען געגעבען דעם צווייטען געוויסע פריווילעגיעס. די באלעבאטים העלפען פיל צו צו באשאפען אזא שטימונג, אויפצורייצען קינסטליך איין טייל ארבייטער געגען צווייטען. דאס נעהמט אבער ניט אוועק דעם פאקט, אז די שוואכערע טיילען פיהלען זיך ווירקליך געקריוודעט.

מיר וועלען נעהמען גאנץ קאנקרעטע פאקטען. מיר ווייסען, אז די יוניאן האט די שעפער געפונען שוין פארטיגע מיט אלע איינפיהרונגען נאך פיל פריהער, איידער זי האט באוויזען זיי צו ארגאניזירען. אפשאפען אלע צרות האט זיך געפאדערט פיל ארבייט און פיל צייט. און זי איז ניט איינמאל באגאנגען אן עולה געגען א קלענערער צאהל ארבייטער פון א געוויסען פאך, אום צו פארבעסערען א גרעסערער צאהל פון א צווייטען פאך. דאס האט פאסירט ביים איינשטעלען דעם מינימום סקייל אוו וויידזשעס.

וואס איז אזוינס א מינימום סקייל אוו וויידזשעס? א מינימום סקייל אוו וויידזשעס איז באשאפען געווארען מיט דעם געדאנק, אז א באלמעלאכע מוז פארדינען א געוויסע סומע, אום צו קענען לעבען, אומגעאכטעט וואס פאר אן ארבייט ער טוט. צו לעבען איז יעדער מענש בארעכטיגט. דאס איז דער מינימום, וואס ער מוז קריגען. אויב דער אדער יענער באלמעלאכע פון דעם אדער יענעם פאך צייגט ארויס געוויסע באזונדערע קענטנישען סיי אין קוואליטי און סיי אין קוואנטיטי, דאן זאל איהם דער באלעבאס באצאהלען מעהר. נו, האט מען באשטימט, אז אן אפערייטאר מוז קריגען, צי ער איז א גוטער אדער א שלעכטער אפערייטאר, 50 דאלאר א וואך, דאס איז דער מינימום. נו, אויב אן אפערייטאר מוז קריגען א מינימום פון 50 דאלאר אויף צו לעבען, טא פארוואס זאל דער פרעסער קריגען ניט מעהר ווי 36.50 און א פינישער 41.50, און א קאטער אויך אזא עהנליכען סקייל, דאס זעלבע א סעמפעל מאכער, שטיק-שניידער א. אז. וו.? יא, מען האט דאס געטאן, אום איינצופיהרען אנדערע רעפארמען. עס האט זיך געהאנדעלט וועגען איינפיהרען וואך-ארבייט פאר די אפערייטארס. נו, האבען דערפאר די קלענערע פאכען זיך געמוזט אפפערען, ניין, בלוטען, אום צו העלפען דער יוניאן. ניט נאר האבען זיי זיך דאן ניט פאראייניגט די אלע קליינע לאקאלען, אום צו שטערען דער גרויסער צאהל אפערייטארס צו קריגען מיט 10 אדער 15 דאלאר אויף דער וואך מעהר און אויך קריגען וואך-ארבייט, נאר פארקעהרט, זיי האבען נאר געהאלפען מיט אלעס, וואס איז נאר מעגליך געווען. די פרעסערס, די קאטערס און די פינישערס האבען געקענט באשטעהן אויף זייער רעכט צו לעבען, אבער די יוניאן איז פאר זיי געווען דאס וויכטיגסטע. און טאקע וואס האט זיך אויסגעלאזט? א דאנק זייער שטארקער דיסציפלין, א דאנק זייער שטארקען גלויבען אין זייער ארגאניזאציע, האבען זיי באוויזען ארויפצוהייבען מעהר אדער ווייניגער זייערע וויידזשעס צו א סטאנדארד, וואס גיט זיי א מעגליכקייט צו לעבען. א גרויסער פאקטאר איז געווען דאס, וואס זיי זיינען גלייך פארטראטען אינ'ם דזשאינט באארד. וואלטען די קלענערע פאכען געווען פארטראטען פראפארציאנעל, וואלטען זיי היינט געמוזט ארבייטען פאר יענעם הונגער-לוין, צו וועלכען זיי האבען געמוזט צושטימען אין דער צייט, ווען עס האט זיך געהאנדעלט אום איינצופיהרען די יוניאן-רעפארמען פאר די אפערייטארס און פאר דער יוניאן אין אלגעמיין.

עס איז פארשטענדליך, אז ווען די קלענערע פאכען וואלטען זיך געפיהלט שוואכער סיי אין שאפ, סיי אין דער יוניאן (און אויף דער גוטהארציגקייט פון די אפערייטארס וואלטען זיי זיך ניט געקענט פארלאזען), וואלטען זיי געמוזט זוכען א וועג, ווי אזוי זייער ברויט צו פארטיידיגען, און דאס וואלט צושטערט די אייניגקייט, וואס איז אזוי אומבאדינגט נויטיג אין א יוניאן.

מיר זעהען דערפון, אז בעת פאר דער אויסערער וועלט איז פראפארציאנעלע רעפרעזענטאציע א לאגישע אישו, איז זי אבער פאר דער גאנצער יוניאן גארניט אזוי דייטליך. אבסטראקט מעג מען די פראגע דיסקוטירען, אבער איינפיהרען דאס איז נאך ניט אזוי דרינגענד, ספעציעל ווען קיין יוניפארם מינימום סקייל אוו וויידזשעס איז נאך ניט איינגעפיהרט, און ווען נאך אנדערע רעפארמען זיינען דא אויף דער טאגעס-ארדנונג, וואס זאלען פארזיכערען די לעבענסבאדינגונגען פון דער גרויסער מיטגלידערשאפט. א „רעוואלוציע" צו מאכען דערפאר איז אודאי ניט נויטיג. אבער ל. הייטאן האט קיין איינע פון די פראגען ניט באריהרט, ווייל די פראגען פאדערען א יוניאן-מעסיגען טאן, ער וואלט געדארפט עפעס זאגען וועגען דער לאגע פון די מיטגלידער פון זיין אייגענעם לאקאל 9, וועגען די פינישערס. דאס אבער וואלט ניט געשטימט מיט דער דעמאגאגישער פאליסי פון זיינע פאפען פון דער קאמוניסטישער פארטיי. די אמת'ע יוניאן-פראגען וואלטען געפאדערט א זאכליכע דיסקוסיע, ניט קיין מוחות-צוטומלעניש, פון וואס די מאסקווער אגענטען ציהען זייער פרנסה.

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

עטליכע וויכטיגע כללים פאר דער הייסער צייט, וואס מיר לעבען דורך. האלט זיך ווי ווייט מעגליך קיהל. מיידט אויס די זייט פון גאס, וואו די זון סמאליעט, איהר קענט נאך כאפען א זונענשטאך. געהט אויף דער זייט, וואו עס איז קיהל, וואו עס איז שאטענדיג. פאסט אויף אויף די הינט, וואס קומען אייך אנטקעגען. זעהט, אויב עס שוימט ניט פון זייערע מאודעס, אויב יא, בעסער מיידט אויס דעם משוגענעם הונט. אויב איהר קענט עס ניט, דערשרעקט זיך ניט, פארלירט זיך ניט. א גוט-געצילטער טראסק אין דער מאודע מיט א הארטען שטעקען — איז דער איינציגער מיטעל, וואס איהר קענט אנווענדען געגען דער גיפטיגער חיה. מיט אזא קיהלער, פילאזאפישער אויפפיהרונג קענט איהר זיכער זיין, דאס איהר וועט איבערלעבען די הייסע צייט, ניט זי אייך.

דאס איז אלץ געזאגט, ווען איהר מוזט בלייבען אין די גרויסע שטעט פון שטיין, אייזען און משוגענע הינט. ווען אבער איהר קענט פארלאזען פאר א ווייל די דאזיגע גהינום'ס, קען איך אייך רעקאמענדירען א זעהר קיהלען, פרעכטיגען פלאץ, וואס איז אזוי ווי באשאפען אלס עיר מקלט פון אלע צרות און פלאגען פון דער גרויסער שטאדט. איך מיין די פרעכטיגע אינטערנעשאנאל יוניטי הויז, וואו די זון קען גארניט צוקומען צו די גרויסע וועלדער, וואו איהר קענט זיך אימער אפקיהלען אין די וואסערען פון דעם לעבעדיגען, שפילעוודיגען יוניטי לייק; וואו איהר זייט פריי פון אלערליי פייקס, וואו די נאטור, די פרעכטיגע נאטור הערשט סופרים.

איך וואלט אייך געקענט אויך ראטען א רייזע איבער דעם ים נאך די פארשידענע זעהר אנגענעהמע פלעצער אין יוראפ. אבער דאס, ווייס איך, איז ניט פאר אייער פאקעט. דערפאר איז דער בעסטער פלאץ פאר הונדערטע און טויזענטע מיילען ארום ניט קיין אנדערער, ווי די אינטערנעשאנאל יוניטי הויז, וואו איהר קענט האבען אלע פארגניגענס, גייסטיגע און קערפערליכע, פאר פארהעלטניסמעסיג א גאנץ קליינע מטבע.

נאר טאמער מוזט איהר פארט בלייבען אין ניו יארק, געדענקט די עטליכע כללים, וואס איך האב אייך אויבען אנגעגעבען. קאכט זיך ניט אויף פון די אלערליי לינקע בלאפס. מאכט זיך, ווי ניט וויסענדיג וועגען דעם גאנצען געפילדער. עס איז גארניט מיט גארניט. דער גאנצער קאמוניסטישער אנגריף אויף דער יוניאן קען האבען אזא ממשות, ווי די בילעריי פון הינט אויף די לבנה. ענטפערט אויף די אלע פייקס מיט א שמייכעל פון פאראכטונג. מעהר, ווי דאס, פארדינען זיי נים. לאזט זיך ניט אריין מיט זיי אין ארגומענטען. עס איז צו הייס פאר דעם, און דערצו איז עס אבסאלוט אומזיסט.

פריהער האבען די סאוויעטסקע ארגאניזאטארס אין רוסלאנד ממש די וועלט איינגעלייגט, אז די בורזשואזע רעגירונגען פון אנדערע לענדער זאלען זיי אנערקענען. און נאך פיל מאטערניש האבען די רעגירונגען פון ענגלאנד, פראנקרייך, יאפאן און נאך אנדערע לענדער אנערקענט די איצטיגע רוסישע הערשער. איצט טוט די סאוויעטסקע רעגירונג אלערליי רשעות, וואס זי קען נאר, די זעלבע רעגירונגען, אזוי, דאס די רעגירונגען טראגען) זיך ערנסט ארום מיט דעם געדאנק איינגאנצען אפצוברעכען מיט די רוסישע „דאבעל-קראסערס". פרעג איך, וואו איז דער שכל פון דער רוסישער „שטאאטסמאנשאפט"? וואס פאר א זין האט עס געהאט צוערשט אויסבעטלען אנערקענונג און נאכהער טרייען אלעס, אז די גאנצע אנערקענונג זאל בטל ווערען? מילא, דאס רוסישע פאלק מוז ליידען פון אלע זייערע משונהדיגע שפרינגערייען הין און צוריק. עס קען זיך אנדערש ניט העלפען. אבער האבען די באלשעוויקעס ערווארטעט, אז די רעגירונגען פון אייראפא וועלען זיך לאזען לאנג געפעלען אלע זייערע שמר-שטיק? אויב זיי האבען עס ווירקליך ערווארטעט, ווייזט עס נאר, וואס פאר א נארען זיי זיינען מיט אלע זייערע שמר-שטיק.

פארלאנגט א פארטיי-לידער. מיט לאפאלעט'ס טויט האט די זאגענאנטע דריטע פארטיי פארלארען איהר קאפ, איהר פיהרער. און א פארטיי מוז האבען א פיהרער. ווי דען אנדערש? האבען נאר פילע פראמינענטע מעמבערס פון דער פארטיי איבער'ן גאנצען לאנד זיך געווענדעט צו סענאטאר נארים, וועלכער איז באקאנט, אלס א גאנץ ראדיקאלער מענש, מיט דעם פאלגענדען פארלאנג: קום, פיהר אונז. מיר דארפען דיך. אהן דיר זיינען מיר ווי בלודנע שעפסען. וואלט זיך אן אנדערער אנגעכאפט אן דעם. אבער סענאטאר נארים איז זיי מוחל דעם כבוד. ער גלויבט ניט אין פארטים. ער דענקט, אז פארטים זיינען אן איבעל, כאטש א נויטיגער אונטער די אומשטענדען. עס איז דא, אלזא, א וואקאנץ פאר א פארטיי-פיהרער. זיך צו ווענדען צו דער פראגרעסיוו פאליטיקאל ליג, ניו יארק.

צוליב די היצען האב איך ניט שטארק נאכגעפאלגט אין די צייטונגען דעם היילען-קאמפיין פאר נאך פיער יאהר צו זיין א מעיאר פון ניו יארק. אבער איך בין זיכער, דאס זיינע פריינד ארבייטען גאנץ געשמאק, כאטש עס איז אזוי הייס. אזוי האב איך געזעהן אין פארשידענע גאסען די היילענישע שאוער-בעטהס, אין וועלכע אונזער יונגווארג פלירושקעט זיך. עס איז צו ערווארטען, דאס די טאטעס און מאמעס פון דער דאזיגער יוגענד וועלען ניט פארגעסען עס, ווען עס וועט קומען דער עלעקשאן-טאג נעקסטען נאוועמבער. עס וואלט דאך טאקע געווען די העכסטע אומדאנקבארקייט צו אזא וואויל-טוער, ווען זיי פארגעסען עס יא. ווי מיינט איהר?

פרעזידענט קולידזש איז „ווילינג". איינעם א פאליטישען איז איינגעפאלען צו טראכטען שוין באצייטענס וועגען א פרעזידענט-קאנדידאט פאר 1928. און אין גאנץ אמעריקא זעהט ער נים קיין אנדערען און בעסערען קאנדידאט, ווי טאקע אונזער איצטיגען פרעזידענט. און, לויט די קלאנגען, וואס טראגען זיך ארום, וועט אין פרעזידענט קולידזש אליין קיין גרויסע מניעה נים זיין. ער איז בערייט צו אפפערען זיך לטובת הכלל פאר נאך פיער יאהר.

לויט דער צאהל, וואס זאלען זיך האבען באטייליגט אין דעם רעפערענדום פאר לעצטען שבת, קען מען ניט זאגען, אז דאס אמעריקאנער פאלק איז באזונדערס באגייסטערט פאר דעם געדאנק פון פארטיידיגען זיך, ד. ה. פאר א נייער מלחמה מיט וועמען-עס-איז. אין גאנץ אמעריקא זאלען האבען פאראדירט און מארשירט ארום 8 מיליאן, וואס איז פיל ווייניגער, ווי לעצטען יאהר. אונזער פרעסע איז שטארק אויפגערעגט פון דעם. זי ברעכט זיך דעם קאפ, וואס קען זיין די אורזאכע. איז עס מעגליך, אז עס האלט אזוי שוואך מיט דעם פאטריאטיזם פון אונזערע אמעריקאנער בירגער? ווער קען עס וויסען, אפשר איז דא עפעס אמת אין דער דאזיגער השערה. און, אויב יא, גלויב איך נים, אז דער לעזער פון די דאזיגע שורות וועט זיך עס נעמען שטארק צום הארצען.

נעקסטען פרייטאג וועט אין דעיטאן, טענעסי, זיך אנפאנגען דער גאנץ מער-

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאקטאר :: און די לעזער ::

א. פילאָסאָף — א מאָרנע פראגע שטעלט איהר אונז. אויב איהר זיינט א מיטגליד פון לאָקאל 2, און איהר האָט דעם גאנצען סיזאָן, ווי איהר באהויפּטעט, ניט געארבייט, זיינט איהר זיכער פול בארעכטיגט צו דעם פולען אַנעמפּלאָימענט בענעפיט. נאָך מעהר דערפאר, ווייל איהר זיינט געוועזען קראנק. ווענדעט זיך גלייך צו ברודער אשפיז, עקטינג מענעדזשער פון לאָקאל 2, ערקלערט איהם די גאנצע אנגעלעגענהייט, און ער וועט זיכער טאָן אלעס נויטיגע, אז איהר זאָלט באקומען דאָס, וואס קומט אייך.

א. מ. ד. — א גאנץ גוט לידעל, אָבער ניט פאר אונזער צייטונג. מיר קענען זיך ניט ערלויבען דעם לוקסוס פון באזינגען דעם גלויביגען, וועלכער געהט מיט פרומע טריט צום טויט! ווער האָט עס אין זינען דעם טויט, ווען דאָס לעבען איז אזוי ברויזענדיג, אזוי שטורמיג, אזוי שטאַרק אינטערעסאנט? פאר אונזערע מענטשען, וועלכע האָבען זיך נאָך גאָר ניט איבערגעזעטיגט מיט'ן לעבען, מוזט איהר געבען לידער פול מיט לעבען. דער טויט פאר זיי איז א גאנץ שפּעטערדיגע מעשה.

מ. צ—ן. — אייער דאָלי איז שוין צופיל אידעאַליזירט. אויך מיר קענען אביסעל דעם סאָרט פאנאטיקער, און מיר לייענען זיין כאראקטער גאנץ אַנדערש. אָבער, נאטירליך, איהר מעגט קוקען אויף איהם מיט אייערע אויגען. ניט איהר מעגט, נאָר איהר קאָנט גאָרניט אַנדערש. מיר וועלען עס מיט א צייט שפּעטער פארעפענטליכען. גאָר פיל זאכען, וואס זיינען געקומען פאר אייערע, קומען נאטירליך צוערשט.

אב. קראמניק — פון אייערע פריהערע בריף, ווי אויך פון דעם לעצטען מוזען מיר קומען צום שלוס, אז פאר אייך שרייבען מיר גאנץ אומזיסט. איהר לייענט ארויס פון אונזערע שורות עטוואס אזעלכעס, וואס מיר האָבען קיינמאָל אין זינען ניט געהאַט. למשל, פון די ווערטער „די יוניאָן איבער אלעס" דרינגט איהר, אז מיר זאָלען האָבען געזאָגט, אז „אין דער יוניאָן איז ניטאָ קיין פּאָליטיק פון קיין פארטיי", און אויף דעם בויט איהר אייער גאנצע דעבאטע מיט אונז. אָבער קענט איהר דען אליין ניט איינזעהן, וואס פאר אן אונזין דאָס איז? ערשטענס, ווען איינער זאָגט, אז עטוואס איז איבער אלעס, שליסט עס ניט אויס, נאָר שליסט איין אויך פילע אנדערע זאכען. נעמען מיר א פּשוט'ען ביישפּיל: איהר זאָגט: אייער קינד איז אייך טייערער ווי אלעס, מיינט עס, אז א חוץ אייער קינד עקזיסטירט פאר אייך קיין זאך ניט? זיכער ניט! איהר האָט א פרוי, פריינד, וועלכע מעגען אויך זיין ליב און טייער אייך, כאָטש ניט אזוי ווי דאָס קינד. אלזאָ, די יוניאָן איז טאקע איבער אלעס, אָבער עס זיינען דאָ, און עס מעגען אויך זיין, אנדערע זאכען, פון א גרעסערער אדער קלענערער וויכטיגקייט. עס איז אמת, דאָס מיר טאָרען ניט דערלאָזען, אז די יוניאָן זאָל ווערען „א ווייזעל פון א ביגטעל פּאָליטישענס", וואס דאָס מיינט, אז אירגענד א פּאָליטישען זאָל זיין דער באלעבאָס אין דער יוניאָן, אָבער אין דער זעלבער צייט, קאָן עס גאנץ גוט פּאַסירען, אז די יוניאָן זאָל באשליסען צו ה ע ל פ ע ן דער אדער יענער פּאַרטיי, דער אדער יענער צייטונג. לאָמיר אָננעמען, אז עס גרינדעט זיך א נייע פּאַרטיי, וועלכע די יוניאָן דענקט, קאָן איהר העלפען צו דערגרייכען א י ה ר ע צילען, איז ניטאָ דער מינדעסטער גרונד, וואָרום זאָל די יוניאָן איהר ניט העלפען מיט אלץ, וואס זי קאָן נאָר. וואָרים דערמיט העלפט זי ז י ך! איהר באהויפּטעט, אז מיר האָבען ווען־עס־איז אנדערש געשריבען. אָבער דאָס איז דאָך גערעדט גלאַט אין דער וועלט אריין. וואָרום ניט ברענגען אונזערע אייגענע ווערטער? און ווער ווייס, אויב איהר האָט יעמאָלט אונז אזוי ניט פארשטאַנען, ווי איהר פארשטעהט אונז ניט איצט? און אפשר נאָך אביסעל ווייניגער? די מעשה פון א דאָלער־טעקס פאר דעם לאַפּאָלעט־קאמפּיין איז ניט אזוי ווי איהר דערציילט. די יוניאָן, אלס אזעלכע, האָט קיינמאָל דעם טעקס ניט באשלאָסען, און ניט געקאָנט באשליסען. דער בעסטער באווייז איז, דאָס איהר האָט אייער דאָלער נ י ט געגעבען! אמת, די ארבייטער, ווי איהר דערציילט, זיינען נאָך איצט אין כעס אויף אייך, אָבער דאָס האָט גאָר ניט צו טאָן מיט דער יוניאָן. דאָס איז געווען אויסשליסליך א שאָפּ־אַפעיר. ווייטער, דער דזשאָינט באָארד האָט באווילליגט 500 דאָלער פאר די סאָציאַליסטישע צייטונג אין ווארשע. פרעגט איהר, וואָרום זשע גיט מען ניט פאַר אנדערע פּייפּערס, וועלכע זיינען אויך ארבייטער־פּייפּערס? דאָ ווערט איהר שוין א שטיקעל פּאָליטיקער. וואָרום פרעגט איהר ניט גאנץ אָפען; וואָרום אונטערשטיצט מען ניט די קאָמוניסטישע בלעטעל? מיר האָבען שוין ניט איינמאָל געענטפערט אויף די דאָזיגע קלאָץ קשיא. לאָמיר עס מאכען איצט קורץ: וואָלט די דאָזיגע צייטונג געווען אן עהרליכע צייטונג, מאכט ניט אויס, וואס זיינען אירע פּאָליטישע צילען, וואָלטען איהרע אנהענגער אין דער יוניאָן געקאָנט מיט פולען רעכט פאָדערען פאר איהר אונטערשטיצונג, אָבער די צייטונג האָט פון איר סאמע ערשטען נומער ביז היינטיגען געמאכט עס פאר איהר אויפגאבע צו פארניכטען די יוניאָן. קיין זאך איז פאר איהר ניט צו געמיין, אבי נאָר צו פארשווארצען, פארלוימדען די יוניאָן! דאָס איז איהר איינציגער ציל, און דאָס ווערט ניט געטאָן אום אויסצובעסערען די יוניאָן, נאָר אום צו מאכען איהר פאר א ווייזעל פון דער קאָמוניסטישער פארטיי, טאַ וואָלט עס דאָך געווען פּשוט'ע משוגעת פון דער זייט פון דער יוניאָן צו העלפען אזא צייטונג. ניט נאָר די יוניאָן, אלס אזעלכע, קאָן עס ניט טאָן, נאָר קיין איינצעלנער מיטגליד טאָר איהר ניט געבען די מינדעסטע אונטערשטיצונג, און אויב ער טוט עס דאָך, באגעהט ער ממש פארראַט געגען זיין יוניאָן. ער שטעלט זיך מיט זיין שטיצע אויף דער זייט פון די ערגסטע שונאים, וואס די יוניאָן האָט אמאָל געהאַט. דאַן צו וואס טויג אייך מאכען זיך אזוי נאאיוו, און פרעגען: „זייט ווען איז עס פארבאָטען צו פייערען דעם ערשטען מאי?" איהר ווייסט זעהר גוט ווענען וואס עס האַנדעלט זיך, און עס קומט אונז דער געדאנק אין קאָפּ, צו מאכען מיר זיך ניט נאַריש, ווען מיר „שמועסען" גאָר מיט אייך. נאָר פארפאַלען, אַנגעפאַנגען וועלען מיר שוין ענדיגען. פארשטעהט, אלזאָ, לאָקאלס פון דער אינטערנעשאָנאַל מוזען זיך פיהרען לויט דער פּאָליסי פון דער אינטערנעשאָנאַל. און טוען זיי עס ניט, דאַן זעגלען זיי אונטער א פאלשען נאָמען, און אזעלכע לאָקאלס זיינען אונווירדיג צו געהערען צו דער אינטערנעשאָנאַל. ווען דאָס פּאַסירט מיט א לאָקאל, קאָן די אינטערנעשאָנאַל צונעמען פון איהם דעם טשאַרטער. ווען דאָס פּאַסירט מיט אן איינצעלנעם מעמבער אדער מיט אן עקזעקוטיוו, ווי אין דעם איצטיגען פאַל, ווערען זיי אָנגעקלאָגט און געשטעלט צו א טרייעל; און ווערען זיי געפונען שולדיג, ווערען זיי אויסגעשלאָסען. וואס אנבאַטרעפט דער אנקלאגע ווענען מיסברויכען די פאָנדס פון דער יוניאָן, איז דאָס גראדע א זעהר וויכטיגע אנקלאגע, לויט אונזער מיינונג. דאָ איז א פאַל, אין וועלכען די אינטערנעשאָנאַל איז פארפליכטעט זיך אריינצומישען. זי דאַרף געבען דין וחשבון פאר דער מעמבערשיפּ ווענען אלע יוניאָן געלדער. לויט דער קאָנסטיטושען איז דער גאנצער אייגענטום פון אלע לאָקאלס דער אייגענטום פון דער אינטערנעשאָנאַל, און עס איז גאָרניט די פראגע פון אירגענד וועלכער קאָנקורענץ, ווי איהר גלויבט, און ווי איהר טייטשט אויס אונזערע פאַר ווערטער אין דעם באטרעפענדען עדיטאָריעל. איבעריגענס מעגט איהר עס גאנץ זיכער איבערלאָזען צו זייערע ריכטער, וועלכע זיינען ניט קיין רשעים, חלילה, און זייער גערעכטיגקייטס געפיהל איז זיכער אזא געזונטער, ווי ביי אייך! אייער אָנצוהערעניש אז היינט זיינען מיר געגען קאָמוניזם, ווייל איצט קאָלעקטען מיר רענט, בעת אמאָל האָבען מיר געצאָהלט רענט, פאַרדינט א גאנץ אנדער ענטפער, ווי מיר קאָנען אייך דאָ געבען, נאָר פונדעסטוועגען האַלטען מיר פאר נויטיג צו זאָגען אָט־וואס: מיר זיינען קיינמאָל ניט געווען אזא קאָמוניסט, ווי דאָס זיינען די איצטיגע. דעם סאָרט קאָמוניזם, דעם געוואַלד־קאָמוניזם, וואס ווערט ארויפגעצוואונגען אויף איינעם, האָבען מיר אונזער גאנצען לעבען באקעמפט. אין דעם פ ר י י ע ן קאָמוניזם גלויבען מיר נאָך ביז היינטיגען טאָג און נאָך שטאַרקער, ווי ווען עס איז פריהער. וואס אנבאַלאַנגט אונזער רענט קאָלעקטען, איז עס ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי א ליגען. מיר האָבען אן אייגענע הויז פון זיבען רומס און אין דעם הויז וואוינט אונזער אייגענע פאַמיליע פון זעקס פּערשוין. זיינט איהר שוין צופרידען? דאָס אלעס האָבען מיר אייך דערציילט ניט צו ליב אונזער אייגענער פּערזאָן. וואס אזעלכע מענשען, ווי איהר, דענקען און פּלאַפּלען ווענען אונז פּערזענליך, ארט אונז ווי דער פאַראַיאָהריגער שנעע; עס איז די ארבייט, וואס מיר טוען, וואס איז אונז טייער, און וועלכע קען ליידען דורך אזעלכע געמיינע ליגענס און אינסינואציעס, וואס צווינגט אונז אייך צו ענטפערען אויף אזעלכע נידערטרעכטיגקייטען. נידערטרעכטיג איז עס דערפאר, ווייל, איהר און אייער גלייכען, שטעלט זיך ניט אָפּ פאר קיינע ליגענס, אבי צו פארשווארצען דעם געגנער. צי איהר זייט אן אומשטיינס־געוואָרן קאָמוניסט, צי ניט, דאָס איז ניט וויכטיג. איהר טרייבט אָבער די גאנץ געמיינע און שמוציגע פּאָליטיק פון די קאָמוניסטען. מיר ערוואַרטען פון אייך, אז איהר זאָלט אונז גאנץ אָפענהערציג בעטען, אז מיר זאָלען אייך מוחל זיין פאר די פּערזענליכע באליידיגונג. ביז דאַן וועלען מיר אייך מיט קיין איינציגען וואָרט ניט ענטפערען מעהר אויף אייערע שרייבערייען.

א פינישערין. זיכער מוז אייך זיין באקאנט, אז די געפיהלען, וועלכע איהר גיט אויסדרוק אין אייערע צוויי געדיכטע, האָבען שוין פילע פאר אייך אויסגעדריקט אין פארשידענע פאָרמען. בענקשאַפט נאָך שעהנעס, דאָס איז דאָך דער הויפּט־שטאָף פון פּאָעזיע. און וואָלטען די דאָזיגע געפיהלען אויסגעדריקט געוואָרען פון אייך אין כאָטש אן עטוואס נ י י ע ר פאָרם, ניין, זאָל זיין אין דער אלטער פאָרם, נאָר, וועלכע זאָל זיין באמת שעהן, וואָלטען מיר זיכער פארעפענטליכט אייערע צוויי לידער. אָבער, ליידער, איז דאָס ניט דער פאַל. דאָ און דאָרט איז דאָ א גאנץ שעהן־קלינגענדע שורה, אָבער דאָס ליד, אלס גאנצע, איז ווייט־ווייט פון פּאָעזיע. עס איז קענטיג אָבער, דאָס איהר פיהלט גאנץ שטאַרק פאר דאָס שעהנע. אונזער עצה איז דאָרום, לייענט און קוויקט זיך און האָט הנאה פון די פּאָעטען, צו וועמען די נאַטור איז געווען פיל מילדער, ווי צו אייך.

מ. שוץ — אייער ארטיקעל איבער פּראָפּאָרשאָנאַל רעפּרעזענטיישאָן ווערט פארעפענטליכט שוין אין דעם איצטיגען נומער. עס מאכט קלאָהר, זעהר קלאָהר דעם ענין. מיר ווייסען ניט, אויב ער איז אזוי וויכטיג פאר די יוניאָן־מעמבערס גופא. אלס אזעלכע דאַרפען זיי דאָך וויסען די לאַגע אין שאָפּ; אלס אזעלכע ווייסען זיי געוויס, אז די אָפּערייטאָרס האָבען דאָך די ווירקליכע מאַכט, און דאָס זיי קענען זיך אין דער אמת'ן ניט באקלאָגען, דאָס זיי ווערען פון אימיצען אונטערדריקט אין אירגענד וועלכער הינזיכט. נאָר דאָך, טאָמער זיינען נאָך פאַרט דאָ אייניגע יוניאָן לייט, וואס האָבען זיך ניט אריינגעטראַכט אביסעלע מעהר אין דעם ענין, וועט אייער ארטיקעל זיין אן אויגען־עפענער פאר זיי. זיכער וועט ער עס זיין פאר די אויטסיידיגע לעזער, וועלכע, לויט מיר הערען, לייענען גאנץ געשמאַק אונזער „גערעכטיגקייט".

היימאן גימל. — האָבען עס איבערגעלייענט צוויי מאָל. געטרייט צו פארשטעהן, וואס איהר ווילט אייגענטליך זאָגען, אָבער מיר קענען ניט באריהמען זיך, אז מיר האָבען פארשטאַנען, גוט פארשטאַנען דעם מיין פון אייער זאַך. און מיר גלויבען ניט, אז די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" זאָלען עס בעסער קענען פארשטעהן און אָפּשאַצען. מיר שטויסען זיך אָן, אז אין אייער זאַך איז דאָ א משל מיט א נמשל. דער משל זיינען די בלומען אויף דער 28טער כּם. זיי ווערען פארשניטען, ווערען געפּענטעט, זיי ווערען אריינגעוואָרפען אין געפענגניס, זיי ווערען דאָרט פארוויאַנעט און דערשטיקט. דער נמשל איז די מיידלאך, וואס ווערען אָפּגעריסען פון זייער היים, פון לעבען, און „גיבען זיך איבער צו די בלומען קלייבער". איז, אויב דאָס האָט איהר געמיינט, איז דאָס אָבער ארויסגעבראַכט געוואָרען אזוי פארנעבעלט, אזוי אומקלאָר, אז מיר גלויבען קוים, דאָס עס זאָל קענען מאכען אויף אונזערע „בלומען" דעם מינדסטען איינדרוק. דערפאר וועט עס ניט פארעפענטליכט ווערען.

מעמבער פון לאָקאל 2. — מיר האָבען אייך ניט בעדאַרפט ענטפערען אויף אייער בריוועל, ווייל ניט איהר גיט אן אייער נאָמען, און ניט דעם נאָמען פון שאָפּ, וואו איהר באהויפּטעט, איהר זיינט דער שאָפּ־טשערמאַן. אָבער דאָך ווילען מיר אייך אויפקלערען איבער אייניגע פּונקטען, וואס איהר ריהרט אָן אין אייער בריף. איהר פרעגט: „ווער האָט געגעבען פיינבערג'ן דאָס רעכט ארויסצוואַרפען אונזערע עקזעקוטיוו מעמבערס?" ווי מיר זעהען, ווייסט איהר גאנץ ווייניג ווענען וואס עס האַנדעלט זיך. ערשטענס, קען פיינבערג קיינעם ניט ארויסוואַרפען, און האָט אויך קיינעם ניט ארויסגעוואָרפען. פיינבערג האָט אָנגעקלאָגט פאר דעם דזשאָינט באָארד, פאר דער קערפּערשאַפט פון אייער יוניאָן, וואס רעפּרעזענטירט מיט זיך אלע קלאָוקמאכער אין אלע זייערע פאכען, די דריי עקזעקוטיוו באָארדס אין האַנדלען להיפּוך דער פּאָליסי און די פּרינציפּען פון דער יוניאָן, אין טאָן אלעס, וואס שעדיגט און דיסקרעדיטירט די יוניאָן; וואס קען מאכען דעם עולם דענקען, אז די גאנצע יוניאָן באשטעהט פון גאָלע קאָמוניסטען. ער האָט די קלאָגען פארגעבראַכט און דער גאנצער דזשאָינט באָארד אין זיין גרויסער מאַיאָריטעט האָט געפונען, אז די קלאַגען זיינען זעהר ערנסט, און דער דזשאָינט באָארד — ניט פיינבערג, — האָט באשלאָסען, אז די דריי עקזעקוטיוו באָארדס מוזען געשטעלט ווערען צום טרייעל און דערווייל זאָלען זיי ס ו ס פּ ע נ ד י ר ט ווערען — ניט ארויסגעוואָרפען ווערען, ביז א קאָמיטע, וואס איז אויסערוועהלט געוואָרען פון דזשאָינט באָארד וועט זיי משפּטן. וועט זי זיי געפינען שולדיג, קענען זיי נאטירליך מעהר ניט זיין קיין עקזעקוטיוו פון לאָקאל; וועלען זיי געפונען ווערען אונשולדיג, דאַן וועלען זיי בלייבען צוריק אין זייערע עמטער, ווי זיי זיינען געווען. דאָס איז די לאַגע, ווי זי איז. צווייטענס, אייער טענה, דאָס זיי זיינען אויסערוועהלט געוואָרען, איז זעהר ניט קיין ריכטיגע. אמאָל ווערען אויסערוועהלט זעהר אומפּאַסענדע מענשען פאר זייער אמט. דענקט איהר, אז מען דאַרף זיי דולדען אין א יוניאָן אפילו דאַן, ווען עס איז קלאָר, אז זיי טוען אלעס, אום צו צוברעכען די יוניאָן? אנגענומען דעם פאַל, אז מען געפינט אויס, דאָס די אויסערוועהלטע באאמטע זיינען געדונגען פון די באָסעס, מיינט איהר, אז אויך דאַן דאַרף די יוניאָן לאָזען זיי טאָן זייער אונטערגראָבונגס־ארבייט נאָר דערפאר, ווייל זיי זיינען אויסערוועהלט געוואָרען פון אייך און אנדערע, וועלכע האָבען גאָרניט געוואוסט, אז איהר האָט אויסערוועהלט די ערגסטע שונאים פון דער יוניאָן? אנגענומען, דאָס מען האָט אויסגעפונען, דאָס די אויסערוועהלטע באאַמטע האָבען גאָרניט אין זינען די אינטערעסען פון דער יוניאָן, און דאָס זייער צוועק איז נאָר צו מאכען די יוניאָן פאר דעם ווייזעל פון אירגענד א פּאָליטישער פארטיי, דענקט איהר, אז די הויפּט קערפּערשאַפטען פון דער יוניאָן, דער דזשאָינט באָארד און דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, דאַרפען דאָס אלעס צוזעהן, אננעהמען א פולען מויל מיט וואסער און שווייגען? ווען זיי וואָלטען אזוי געהאַנדעלט, וואָלט מען זיי אליין באדאַרפט ארויסוואַרפען. וואָרים זיי וואָלטען דערמיט זיך ארויסגעוויזען אלס העכסט אומפּאַסענדע פיהרער פון דער יוניאָן. מיר ווילען אייך דערמאָנען אן א פאַקט, וועלכער וועט פאר אייך נאָך קלאָהרער מאכען די לאַגע. מיט עטליכע יאָהר צוריק איז אויסערוועהלט געוואָרען מיט א גרויסער מאַיאָריטעט א גאָווערנאָר פון ניו יאָרק סטייט. מערקט אייך, א גאָווערנאָר, דער העכסטער באאַמטער אין שטאַאט. מען האָט אָבער אויסגעפונען, דאָס ער איז א כאַבאַרניק. האָט מען איהם געשטעלט אונטער אן אנקלאַגע, און מען האָט איהם געפונען שולדיג אין דער אנקלאַגע, האָט ער טאַקי, נעבאָך, געמוזט פארלאָזען זיין הויכען גאָווערנאָר־אַמט, און די מיליאָנען וועהלער אין שטאַאט ניו יאָרק זיינען ניט ארויס מיט א גוואַלד, ווי סטייטש, מיר האָבען איהם אויסערוועהלט. קענט איהר אפשר פון דעם אָפּלערנען א מוסר, ווי נאַריש עס איז אייער טענה? וואס איז פאר אייך וויכטיגער, אייער שטימע, וואס איהר האָט אָפּגעגעבען פאר דעם אדער יענעם עקזעקוטיוו, אדער אייער יוניאָן? און וואס האָט איהר זיך צוגעטשעפּעט דוקא צו פיינבערג'ען? פיינבערג, אלס דער מענעדזשער פון דזשאָינט באָארד, האָט נאָר געטאָן זיין פליכט, סיי אלס יוניאָן־מעמבער, סיי אלס מענעדזשער. איהר, אנשטאַט דאָס צו פארשטעהן, פאַלט איהר אויף איהם אָן מיט די נידריגסטע זידלערייען, און איהר זאָגט, אז איהר זייט נאָך א שאָפּ־טשערמאַן. מיר גלויבען עס ניט. איהר זייט א פּשוט'ער פייגלינג, וועלכער האַלט אין איין שימפען אויף א מענשען, וועמענס בלאָטע איהר זייט ניט ווערט. ער קומט ארויס אָפען; ער קעמפט, ווי א בראַווער מענש, פאר זיין יוניאָן; און איהר זידעלט איהם און שעלט איהם און האָט מורא ארויסצוקומען מיט אייער נאָמען. אזעלכע נפשות, וואס זיי זאָלען ניט זיין, יע אדער ניט קיין קאָמוניסטען, ווייל דאָס גלויבען מיר אייך, אז איהר הויבט ניט אָן צו וויסען, „וואס דאָס איז אפילו", זיינען ווירקליך אן אומגליק פאר דער יוניאָן.

רד' ס. עלסבערג. — ליידער איז עס ניט מעגליך געווען פאר אונז צו פאָלגען אייער איינלאַדונג און ווינשען א פאָר געזונט און קומט צוריק געזונטערהייד" צו דר. חיים זשיטלאָווסקי, וועלכער פארלאָזט אונז פאר א פאָר מאָנאַטען, אום באלד, אין נאָוועמבער צוריקקומען. מיר בעטען אייך און דר. זשיטלאָווסקי'ן, ניט אויסטייטשען עס צום בייזען. ווייסט טאַקי, אז עס איז פּשוט געווען אוממעגליך פאר אונז צו זיין מיט אייך און צו פארברענגען א זעהר געמיטליכען אָווענד מיט דר. זשיטלאָווסקי'ן, וועמען מיר האָבען שוין א היבשע שטיקעל צייט ניט געזעהן, און וועמען מיר גאַרען צו זעהן און הערען פון איהם עפּעס גוטס.

מ. ק. מאַקאָוו
ב י ז נ ע ס ב ר אָ ק ע ר
225 פינפטע עוו., ניו יאָרק, רום 1101
טעלעפאָן מעדיסאָן סקווער, 0914.
אלערהאַנד לעדזשיטימיטע ביזנעס צו קויפען און פארקויפען.

אן אלטע געשיכטע

פון דר. ב. דובאווסקי

א מעמבער פון דער אינטערנעשא־נאל, לאדזשער נומער 8433, האט אונז צוגעשיקט פאלגענדען בריף:

„געעהרטער דר. ב. דובאווסקי:—

מיט אומגעדולד ווארט איך אויף אייערע ווייטערע ארטיקלען וועגען די „פעיק דאקטארס". מיך האט ספע־ציעל פאראינטערעסירט אייער ארטי־קעל וועגען גאל־שטיינער. איך בין אויך א קרבן פון אזא פעיק. איך האב גע־לעזען אן אדווערטייזמענט וועגען אסט־מא און האב געענטפערט אויף דעם אדווערטייזמענט. באלד האב איך אנ־געפאנגען קריגען „ליטעראטור". יעדע מעיל האט מיר געבראכט נייע אדווער־טייזמענטס און סעמפעלס, ביז זיי הא־בען מיך ארייגעקראגען. זיי האבען ביי מיר צוגענומען פילע פינף־דאלאר־בילס. איך האב ניט געקענט פטור ווערען פון זיי. זיי האבען מיר צוגע־זאגט, דאס נעקסטען מאנאט און נעק־סטען מאנאט וועל איך קורירט ווערען, און מיר איז דערווייל ערגער געווארען פון זייער מעדיצין, ביז איך האב גע־מוזט אויפהערען דאס נעהמען.

מיט צוויי יאהר צוריק בין איך קראנק געווארען אויף גאל־שטיינער. איך בין געגאנגען צו איינעם, וועלכער האט פארזיכערט, דאס ער קען די גאל־שטיי־נער צואווייקען און אדורכטרייבען. איך האב איהם באצאהלט 40 דאלאר, אבער עס האט ניט געהאלפען. בין איך גע־גאנגען אין א האספיטאל, אבער מען האט מיך ניט געוואלט אפערירען, ווייל מען האט אויסגעפונען..." (דא גיט ער די ענגלישע נעמען, וועלכע ער האט קא־פירט פון זיין האספיטאל רעקארד, די נעמען דייטען אן אויף אן ערנסטער הארץ־קראנקהייט).

די ווייטערע טייל פון בריף איז א פראגע, וואס ער זאל יעצט טאן, צי ער זאל פארטזעצען געהן פאר באהאנד־לונגען אין קליניק.

איך האב אפגעדרוקט דיזען בריף, ווייל ער אילוסטרירט זעהר גוט איי־נע פון די אורזאכען, ווארום פעטענט מעדיצין פעיקערס זיינען אזוי ערפאלג־רייך. דיזער לעזער האט געדענקט, דאס ער ליידט פון אסטמא. אז זיין קראנק־הייט איז נאר געווען א רעזולטאט פון אן ערנסטער קראנקהייט אין די מוסקו־לען און אין די בלוט־רעהרען פון זיין הארץ — האט ער ניט געוואוסט. פון וואנען זאל ער עס וויסען? גענוג איז געווען פאר איהם צו דענקען, דאס ער האט אסטמא און גלייך זוכען א רפואה צו אסטמא. ווען דער זעלבער איד זאל דארפען פארריכטען זיינע שיך, וואלט ער זיכער געגאנגען צו א שוסטער. זיך מאכען א נייעם אנצוג, וואלט ער גע־גאנגען צו א שניידער, אבער באשטי־מען אויף וואס פאר א קראנקהייט ער ליידט — דאס קען ער אליין. ער לעזט א פעיק־אדווערטייזמענט וועגען א קיור פאר אסטמא, ער באשליסט, דאס ער ליידט פון דיזער קראנקהייט, און ניט נאר דאס, נאר ער באשליסט אויך, דאס די באטרעפענדע אדווערטייזמענט־מע־דיצין איז גוט פאר איהם, און ער קויפט די מעדיצין און געברויכט זי.

דער מאנופעקטשורער אדער פאר־קויפער פון אזעלכע פעטענט־מעדיצינס איז א שווינדלער, וועמען מען דארף האלטען אונטער גראטעס. עס איז אומ־מעגליך צו באשטימען גענוי אונטער די אויגען, פון וואס איינער ליידט, און עס איז אוממעגליך צו שאפען א מעדיצין, וועלכע זאל קורירען אלע מענ־שען, וועלכע ליידען פון דער זעלבער קראנקהייט. ווען איינער אדווערטייזט, דאס ער האט א מיטעל, וואס וועט קורירען אסטמא, אומגעאכטעט אויף דעם, ווי לאנג די קראנקהייט עקזיס־טירט שוין, ווי ערנסט די קראנקהייט איז, ווי אלט דער פאציענט איז, וואס ער עסט, ביי וואס ער ארבייט אדער ווי אזוי ער לעבט, — אזא אדווערטייזער איז א שווינדלער און וואלט געדארפט באשטראפט ווערען.

אבער אזעלכע פארברעכער וואלטען ניט געקענט עקזיסטירען, ווען דער דורכ־שניטליכער מענש וואלט געברויכט זיין קאפ כאטש צייטענווייז צו דענקען, אנ־שטאט בלויז אלס א פלאץ אויף טראגען די העט. דער דורכשניטליכער מענש איז ניט פעהיג צו באשטימען אליין, פון וואס ער ליידט. סמנים, וועלכע שיינען איהם צו זיין פון אסטמא, קענען גאר זיין א רעזולטאט פון א שוואך הארץ אדער פון קראנקע נירען. סמנים, וואס איהם דוכט זיך, אז זיי קומען פון גאל־שטיינער, קענען גאר קומען פון מאגען און פארקעהרט — וואס איהם שיינט צו זיין א מאגען־קראנקהייט, קען גאר זיין א רעזולטאט פון אן ענטצינדונג אינ'ם גאל־בלאדער. דער, וואס בא־שטימט אליין זיין קראנקהייט און זוכט א רפואה אין אדווערטייזטע מעדיצינען, באגעהט די גרעסטע נארישקייט און ער קען קיינעם ניט באשולדיגען, אויב ער פאלט אריין און ליידט דערפון.

דאס איז ערשטענס; און צווייטענס, אנגענומען, דאס די דיאגנאזיס איז ריכ־טיג; אנגענומען, דאס דער קראנקער אליין האט ריכטיג באשטימט די נאטור פון זיין קראנקהייט, קען ער אויך ניט קורירען זיך מיט דער הילף פון די אד־ווערטייזטע פעטענט־מעדיצינס. קיין שום מעדיצין קען ניט ווירקען אויף אלע מענשען גלייך. אין יעדען פאל בא־זונדער דארף מען צופאסען די מעדי־צין, לויט דער עלטער, דעם כאראק־טער, דער ארבייט און דער אומגעבונג פונ'ם איינצעלנעם פאציענט. און פאר־געסט ניט — דער עיקר איז דאך ניט די מעדיצין: די מעדיצין איז בלויז א קליינער טייל פון דער באהאנדלונג פון יעדער קראנקהייט. דער עיקר איז צו ענדערען די אומשטענדען, וועלכע האבען געפיהרט צו דער קראנקהייט, און אויף אזוי פיל, ווי מעגליך, באזיי־טיגען די שעדליכע איינפליסע, וועלכע האלטען אויף די קראנקהייט. דאס קען מען זיכער ניט טאן דורך טרינקען מע־דיצין פון א פלעשעל.

דער פאל מיט דעם שרייבער פון דיזען בריף איז בלויז איינער פון מי־ליאנען. אזוי לאנג, ווי עס זיינען דא צייטונגען, וועלכע דרוקען אירגענד וועל־כע אדווערטייזמענטס, פאר וועלכע מען באצאהלט זיי, וועלען די פעטענט מע־דיצין פייקערס געפינען א ברייט פעלד פאר זייערע שווינדלערייען. זיי וועלען פארשווינדען פון דער וועלט נאר דאן, ווען די מענשען וועלען אנפאנגען אבי־סעלע צו דענקען און פארשטעהן, דאס אין פראגען, וואס האבען א שייכות מיט זייער געזונד, דארפען זיי זיך פער־לאזען אויף די, וועלכע זיינען גוט בא־קאנט מיט דיזער פראגע (אויף דאקטוי־רים).

עס איז דא א גלייכווערטעל: „א דאקטאר, וועלכער קורירט זיך אליין, האט אן אומדאנקבארען פאציענט און א נאר אלס א דאקטאר." אויב דאס איז אמת וועגען א דאקטאר, וואס קען מען שוין זאגען וועגען איינעם, וועל־כער איז ניט קיין דאקטאר און זוכט אליין זיך צו קורירען מיט פעטענט מעדיצינען?

פרעזענטירען שאפ טשערמאן

מיר, די ארבייטער פון דער פירמע, סילוואן דרעס קא., 36 וועסט 21טע סטריט, פרעזענטירען אונזער ווערטען שאפ טשערמאן, בר. דוד שטערן מיט איין גאלדענער וואטש און טשיין, פאר זיין גוטע ארבייט אין דעם שאפ.

די קאמיטע:

הענרי ראמאל
מ. פיינמאן
ל. קאהען
מ. פרעסמאן.

דאס לעבען איז קורץ

איין מינוט פון אמת'ן פארגעניגען איז מעהר
ווערט ווי יאהרען פון מאטערניש. פאהרט
אין דער אינטערנעשאנאל יוניטי הויז
און לעבט א טאג! איהר קאנט
דארט בלייבען ווי לאנג איהר
וועט וועלען. אין שטאדט
איז הייס און שטיקענד.
קיין סך ארבייט איז
די מעהר־
סטע
טריידס
איז איצט
ניטא — באנוצט
זיך מיט דער געלע־
גענהייט אנצושעפען פרישע
כחות פאר אייער ווייטערדיגער
ארבייט. פאהרט אין דער יוניטי
הויז! געניסט פון דעם לעבען! ווייל
דאס לעבען איז קורץ! איהר וועט אלע
איינס פארבלייבען די זעלבינע קבצנים!...

וואס־זשע טו איך?

(הומאָרעסקע)

פון לעבעדיגען

זאגט צו מיר א איד נאך ניט קיין אלטער, ניט קיין פרומער, נאר א פרומ־ליכער. א געוועזענער שוחט און דאך א היינטוועלטיגער:

— איהר הערט? מען טאר ניט ארויס פון הויז! איינער וואס וויל בלייבען ביים שטאט, טאר ניט פאה־רען! — אין ערגעץ ניט!

— אז מען זיצט אין הויז קען מען נאך זיין אן אנשטענדיגער מענש. קען מען זיך נאך פארהיטען פון שלעכטע מחשבות. אבער תיכף ווי מען שטעקט ארויס דעם קאפ אין דרויסען, פאלט מען אריין אין נעץ פון יצר הרע!...

— איהר ווייסט דאך אנטקעגען וואס איך רייד. אנטקעגען די זינדיגע מחשבות וואס לויערען אויף אונז, זינדי־גע מענשען.

— עס איז דאך ניטא וואס צו נא־רען זיך. מיר זיינען אלע זינדיגע מענ־שען. ווער מעהר, ווער וויינינער. אלע. אבער אין דער היים קען מען נאך הא־בען א שטיקעל שליטה אויפ'ן יצר הרע! אין הויז קען מען ארייגקוקען אין א ספר, אנשרייען אויפ'ן ווייב, אנפאטשען א קינד... הכלל, מען קען זיך פארטומ־לען... און אז מען איז פארטומעלט, הערט מען ניט די קולות פון שטן... האט מען ניט קיין צייט צו טראכטען זינדיגע מחשבות...

— אבער אין גאס איז אן אונגליק! אין גאס איז ניטא ווער עס זאל דיך אפהאלטען...

— און דער עיקר, מען קען דאך ניט געהן אין גאס מיט ארונטערגעלאזטע אויגען! — מען מוז דאך זיך היטען פון אויטאמאבילס!... און אז מען געהט מיט אפענע אויגען, קוקט מען... און אז מען קוקט, זעהט מען זאכען, וואס מען דארף ניט זעהן...

— אוי, דארף מען עס ניט זעהן!...

— דאס אומגליק פון גאס, זיינען די פרויען. אז זיי וואלט מען געקאנט געהן ווי א מענש. אבער וואס קען מען טאן, אז אומעטום זיינען דא פרויען? וואו מען ווארפט א בליק — פרויען! און אלע מאל געהן זיי פאראויס. אלע מאל קומסט דו אויס פון הינטען און די פרוי־ען געהן פאראויס און דו נאך זיי — טראכטסטו שוין זינדיגע מחשבות.

— א ברירה האט מען? געה טראכט ניט. אדרבא ווייזט מיר אזא גבור!

— איז וואס זשע טו איך אין אזא פאל? איך מוז זיך דאך ראטעווען? נעהם איך און לויף אריבער: איך זאל זיין פאראויס און זי פון הינטען! — איז אבער דא א נייער אומגליק: אין אמעריקא זיינען דא אזוי פיעל פרויען, אז שטענדיג קומסטו אויס פון הינטען און זיי פאראויס.

— ווייבער קלעקען דא פאר אומע־טום...

— היינט נעהמט אן אנדער אומגליק: זייער הילוך! דער הילוך פון היינטיגע ווייבער. דאס איז שרעקליך!

— מילא דאס וואס זיי זיינען גע־פארבט, בין איך זיי מוחל. מיך נעהמט עס דוקא ניט! אבער נאקעט? וואס טוט מען מיט דער נאקעטקייט? און נאקעט צו נאקעט איז ניט גלייך — ס'איז כמעט הויל, אהן בושות און אהן חרפות... ס'קליידעל וואס איז גענוג קורץ אזוי אויך, קלינגט מען זיך און מען מאכט עס אזוי קורץ, אז קורץ איז שוין קיין נאמען ניט דערפאר...

— און וואס קען א מענש טאן? א מענש וואס געהט הינטען און קוקט? ער מוז דאך טראכטען זינדיגע מחשבות, א ברירה האט ער!

— אפילו ווען ער טראכט ניט — טראכט ער אויך.

— אבער די גאס ווי די גאס. עס לויפט זיך דורך ווי עס איז. מען קומט איבער. אער ערגער פון דער גאס איז דאס פאהרען... ווען מען קומט אריין אין קאר צו אין טריין, דא ווערסטו שוין געכאפט ברודער'ל און דא מוזטו זינדי־גען מיט די געדאנקען.

— איהר פארשטעהט? איך, ווען איך קום אריין אין א „טריין" קלייב איך תמיד אויס א „סיט" נאר צווישען מאנ־זביל... פארט זיכערער ווי צווישען ווייבער!...

— אבער וואס טוט מען, אז אנט־קעגען מיר זיצען ווייבער? און ניט נאר זיי זיצען, נאר זיי שטעלען אויס די נאקעטע פיס?...

— וואס זשע טו איך? נעהם איך און פארקוק זיך אין א פענסטער, לייען שילדען, צעהל סטיישאנס. אויך אן אר־ביים! איך טהו אלץ אין דער וועלט, אבי ניצול צו ווערען פון אן עבירה... אבער פלוצלינג דערפיהל איך א ווארים־קייט אין קני...

— איך גיב זיך א כאפ — ערשט הארב לעבען מיר שטעהט א מיידעל און איהרע קני ריהרען אן מיינע קני... נא־דיר אזא אומגליק! אמת, דו קוקסט אריין אין א ביכעל, ווי דו וואלסט פון גארניט געוואוסט — אבער איהר קני האלט זיך פארט נאהענט פון דיין קני... וויל איך א ריהר טאן מיין קני, קען מען אבער ניט. אין טריין איז זעהר ענג, תמיד ענג, און עס פאסט ניט אויך, ווייל נאך אלעמען, האט זי דאך גאר געדארפט זיצען, און ניט איך!

— און דא איז אן אנדער אומגליק: איך הויב אן פיהלען ווי די גאנצע זאך נעהמט מיר דורך, און זינדיגע מחשבות הויבען אן קריכען, אז דער טייפעל זאל זיי נעהמען!... איהר זייט שוין געפאנ־גען פון דעם יצר־הרע!...

— און איהר הערט? ווען עס פא־סירט, אז דאס מיידעל געהט ארונטער פריהער פון מיר, פארדריסט עס מיך א ביסעלע, פונקט ווי איך וואלט עפעס פארלוירען... איך בלייב מיט אן עלענד פארלאזענער קני, און איך נעהם זי צו זיך ניט צו, ווייל איך ווארט: אפשר וועט קומען אן אנדערע און זי טרוים־טען...

— איך בין שוין פול מיט זינד!

— און ווען מען זיצט אין אזא פאזע מיט פיס אויסגעצויגען ווייטער ווי מען באדארף, הויבט מען אן באמערקען, ווי א האלבע קאר מיט מאנסביל זיצען אין דער זעלבער פאזע...

— איהר פארשטעהט? די געוועהנ־ליכע מאנסבעלישע קני ווערען פאסט־קעס פאר זינד, אט וואס...

— און איך פרעג אייך: צו וואס דארפען די פרויען אזוי זיך דערנעהנ־טערען צו די מענער? ניטא קיין פלאץ?

— מען גיט זיך אן עצה! נאר די מעשה איז, די היינטיגע פרויען ווילען זיך גאר ניט געבען קיין עצה!...

— וועט איהר דאך זאגען: קען מען דאך זיך אויפשטעלען און לאזען איהר זיך זעצען, וועט זיין א סוף מיט די קני? איז אבער, עס רעדט זיך גרינגער ווי עס טהוט זיך... ערשטענס, ווער האט עס כח איינמאל זיך אויפצוהויבען און א צווייטען מאל צו שטעהן? און צוויי־טענס, איך האב שוין דאס אויך אמאל געפרואווט, און עס איז נאך ערגער: דער עסק מיט די קני בלייבט דער זעל־בער. עס פארבייטען זיך בלויז די יוצרות פריהער האט זי זיך געדריקט מיט איה־רע קני צו אייער קני און איצט איז דאס פארקעהרט...

— אבער דערצו קומט נאך צו אן אנדער עבירה'לע: ווען מען הענגט אויפן רימען איבער א פרוי וואס זיצט, איז ביטער: איהר זייט דאך פון אויבען, האט איהר אזוי א העכערען קוק, קוקט איהר וואו מען דארף ניט... און דער נייער „מ'דארף ניט..." מיינט, דאס וואס עס איז אויסגעשניטען ביי די פרויען ארום האלז... עס איז שוין א קאפיטש־קע צופיעל אויסגעשניטען! און איהר ווילט ניט קוקען — אבער איהר קוקט ארונטער. איהר קאנט דאך ניט שטעהן די גאנצע צייט און לעזען אנאנסען?

— און צו דעם דאזיגען קוקען דער־לייגט אויך ניט דער יצר־הרע...

— אבער אמאל טרעפט און איך גילט אפ, קיינער דריקט ניט אייער קני, הויבט זיך אן אן אנדער עסק מיט נא־קעטע ארעמס... היינטיגע פרויען ווילען דאך גאר ניט וויסען פון ארבעל!...

איז ווילסטו יא צו ניט, דו קוקסט אויף די נאקעטע ארעמס! און אמאל ריהרען זיי דיך אן אויך. עס טרעפט, הלואי זאל עס ניט טרעפען, און דאן ביזטו שוין א פארלארענער...

— וואס זשע טהו איך? איך זוך זיך אויס אן ארבייט: כדי צו פארטומ־לען דעם יצר־הרע. נעהם איך און פאר־קוק זיך אויף די פאקען, וועלכע געפי־נען זיך אויף די נאקעטע ארעמס...

— א מאדנע זאך, טראכט איך, כמעט אלע פרויען האבען פאקען... איך האב עס גאר ניט געוואוסט. און איך טראכט אז פאקען איז מן הסתם א ניצליכע זאך פון מעדיצינישען שטאנדפונקט... ווען ניט די פאקען, ווער ווייס, וויפיעל שעה־נע פרויען עס וואלטען אויסגעשטארבען קליינערהייד...

— א גרויסע ערפינדונג די פאקען!

אבער פאקען אהער, פאקען אהין, דערווייל כאפ איך זיך, איך זינדיג מיט די אויגען.

— און איך פרעג אייך: וואס קען מען טאן? וואס קען מען דא טאן? זי־צען אין הויז וואלט געווען דאס בעס־טע. מען פארטומעלט זיך, דאס ווייב שרייט, די קינדער שרייען, דער טעלע־פאן קלינגט און די זינדיגע מחשבות הא־בען ניט קיין שליטה.

— אבער ווי קען א מענש זיצען אין הויז? און די גאס און די קארס זיינען אמת'ע נעסטען פון זינד. דער אמת'ער גליק פאר'ן יצר־הרע...

— הכלל, ס'איז שלעכט!

וואס טוט זיך איצט אין כינא?

די בלוטיגע טראגעדיע, וואס שפילט זיך איצט אפ אין כינא, ריהרט אן דעם שיקזאל פון די ארבייטער מאסען אין ענגלאנד און אין אנדערע לענדער. דער פאקט, וואס די כינעזישע ארבייטער און סטודענטען פיהרען אן, איז פונקט אזוי וויכטיג פאר די ארבייטער אין די ציוויליזירטע לענדער, ווי פאר די סטרייקערס גופא.

מיר נעהמען ארויס די פאלגענדע פאקטען פון צוויי ארטיקלען אין דעם לאנדאנער ארגאן פון די סאציאליסטען, „די ניו לידער". איין ארטיקעל איז גע־שריבען פון א כינעזער געלעהרטען און פובליציסט און דער צווייטער — פון דעם רעדאקטאר פון דעם ארגאן, געוועזענע בריטישע סטודענטען, איינער פון די גע־בילדעטסטע און טאלאנטפולסטע סאציאליסטישע שרייבער אין ענגלאנד.

וואס זיינען די פאקטען?

1. די ענגלישע טעקסטיל מאנופאקטורען מוזען ארויבער די אינדוסטריע פון ענגלאנד קיין כינא. אין דעם יאהר 1922, ווען די טעקסטיל ארבייטער אין ענגלאנד זיינען ארומגעגאנגען ליידיג, ווען די וועבער אין ענגלאנד זיינען גע־שטארבען פון הונגער, איז פון ענגלאנד ארויסגעפיהרט געווארען צוואנציג טוי־זענט טאן וועב מאשינען. די מאשינען זיינען אוועקגעפיהרט געווארען קיין כי־נא און זיינען איינגעשטעלט געווארען אין די דארטיגע ענגלישע און יאפאנע־זישע פאבריקען.

2. אין כינא גופא ווערען די כי־נעזער ארויסגעשטויסען פון דער אינדו־סטריע. די ענגלישע און יאפאנעזישע קאפיטאליסטען פארשלינגען ווי, בכדי זייערע כינעזישע פאבריקאנטען קענען בלייבען אין דער אינדוסטריע, וועלכע ווערען גענומען ביי די ענגלישע באנקירען. דאס הייסט, אייגענטליך, אז די כינע־זישע פאבריקאנטען ארבייטען מיט ענג־לישען קאפיטאל און ווערען א שקלאפן פון דער מאכט פון דער ענגלישער קאנטראל איבער דער אינדוסטריע.

3. פארוואס לוינט זיך פאר די ענגלישע קאפיטאליסטען איבערצופיה־רען די אינדוסטריע קיין כינא? צוליב צוויי אורזאכען. ערשטענס, קענען זיי דארטען קריגען רייכע מאטעריאלען בי־ליגער, ווי אין ענגלאנד; צווייטענס, איז דארט די ארבייט ביליג. און דא קומען מיר צום וויכטיגסטען פונקט אין דער גאנצער סיטואציע, דער ארבייטס־צושטאנד אין די כינעזער פעקטארים.

אין אלע פעקטארים, סיי די, וואס גע־הערען צו די כינעזער, סיי די, וואס גע־הערען צו די ענגלענדער און יאפאנע־זער, עס איז וויכטיג אנצווייזען, אז די באהאנדלונג פון די ארבייטער איז די זעלבע אין ביידע ערליי פעקטארים. דא איז דאך א פראגע פון קאנקורענץ. א פעקטארי, וואס ניט בעסערע באדינ־גונגען צו די ארבייטער, קען ניט אויס־האלטען די קאנקורענץ. דערביי מוז מען אבער געדענקען, צו פרעגען פון ווייט־דושעס און באהאנדלונג פון ארבייטער ווערען באשטימט פון ענגלישע און יאפאנעזישע פאבריקאנטען — ווי קאנ־טראלירען די אינדוסטריע. די כינעזער פאבריקאנטען זיינען געצוואונגען נאכ־צוטאן זייער ביישפיל, אום צו קענען ווי עס איז אויסהאלטען די קאנקורענץ.

4. אט זיינען די ארבייטער־באדינגונגען אין די פאבריקען. די אר־בייטס־שטונדען זיינען פון 12 ביז 15 א טאג. א גרויסע צאהל פון די ארביי־טער זיינען קליינע קינדער, מאנכע אין עלטער פון 6 יאהר, און זיי ארבייטען די זעלבע צאהל שטונדען, ווי די דער־וואקסענע. קאנטראקטארס קויפען די קינדער ביי די עלטערן און צאהלען די עלטערן צוויי דאלאר א מאנאט פאר יעדען קינד. ביי די פאבריקאנטען קרי־גען די קאנטראקטארס 4 דאלאר א מא־נאט פאר א קינד — מאכען זיי פון יעדען קינד צוויי דאלאר פראפיט. זיי קויפען אויף די קינדער אין די קאנטרי דיסטריקטען. די דורכשניטליכע ווייד־דושעס פון קינדער זיינען פון צוויי ביז פיר דאלאר א מאנאט. פרויען־ארביי־טער קריגען פון 5 ביז 12 סענט א טאג. אלע ארבייטען 7 טעג א וואך.

די טעקסטיל אינדוסטריע איז איי־נע פון די סאמע וויכטיגסטע אין ענג־לאנד. אין איהר זיינען באשעפטיגט טויזענטער ארבייטער. אבער וואס ארט די באלעבאטים דער שיקזאל פון זייערע אייגענע ארבייטער? אין כינא קען מען געפינען ארבייטער פאר ביליג, פיהרען זיי איבער די אינדוסטריע אהין.

דאס לעבען איז קורץ!

איין מינוט פון אמת'ן פארגעניגען איז מעהר ווערט ווי יאהרען פון מאטערניש. פארט אין די אינטערנעשאנאל יוניטי הויז און לעבט א טאג! אין שטערט איז הויס און שטיקענד, קיין סך ארבייט איז איצט ניטא — באנוצט זיך מיט דער געלע־גענהייט אנצושעפען פרישע כוחות פאר אייער ווייטערדיגער ארבייט. פארט אין די יוניטי הויז! איהר וועט זיין די זעלבע קבצנים.

דער רעקארד און פובלי־קישאן דעפארטמענט
א. ל. ג. וו. יוניאן

פאדערט אויף אלע סעקרעטערע פון די אפיליאירטע לאקאלס צו אריינשיקען יעדען מאנאט בעפאר דעם 15טען:

1. אלע „דעי בוק" בלעטער, וואו זיי שרייבען איין די איינצאמע פון אינזערע מעמבערס;
2. די ספעציעל צוגעגרייטע איינ־דעקס קארדס פאר יעדען נייעם טראנספערירטען אדער צוריק־אריינגענומענעם מעמבער;
3. א רעפארט מיט אלע איינצעל־הייטען וועגען יעדען מיטגליד, וואס איז דורך דעם מאנאט געשטראכען געווארען;
4. די נייע אדרעסען, וועלכע די מעמבערס גיבען אן ווען זיי בייטען זייערע וואוינונגען.

לוים אונזער קאנסטיטוציע קאן א לאקאל באשטראפט ווערען פאר פארנאכלעסיגען צו צושטעלען די אויבען געפאדערטע אינפארמא־ציע. מיר בעטען דעריבער די באאמטע פון אונזערע יוניאנס צו זיין אבסאלוט פינקטליך.

צו אונזערע מעמבערס

עס איז אונזער שטארקסטע אמ־ביציע צו זעהן דאס אונזער צייטונג, די „גערעכטיגקייט", זאל גרייכען יעדען מעמבערס הויז, און מיר שפארען ניט קיין מיה און ענערגיע דיזע אמביציע צו עררייכען, און דעריבער בעטען מיר יעדען מיטגליד אונז צו העלפען אין דעם.

1) געדענקט, דאס ווען איהר ענ־דערט אייער וואהנונג, אונז צו לא־זען וויסען אייער נייעם אדרעס.

2) ווען איהר שרייבט צו אונז פארגעסט ניט אנצוגעבען אייער לאקאל און לעדזשער נומער.

3) צו פרעגען אייער שכן אין שאפ אויב ער קריגט די צייטונג צוגעשיקט. אויב ניט, מאכט איהם צו פארשטעהן, אז עס איז דורכ־אוים נויטיג פאר איהם צו וויסען וואס עס קומט פאר אין דער אר־גאניזאציע בפרט, און אין דער אר־בייטער באוועגונג בכלל.

די „גערעכטיגקייט" איז אנ־ערקענט פון אלעמען אלס די בעס־טע אידיש וועכענטליכע ארביי־טער צייטונג אין אמעריקא, און איהר קענט ניט אפארדען אויסצו־לאזען די צייטונג פאר איין וואך אפילו.

מיט ברידערליכען גרוס,

H. A. SCHOOLMAN

Director

קויפט אויסשליסליך

קאלאמביא טהעע

צוועטאטשני טשאי

וואיט לילי טהעע

סקוירטמאכער

פון לאקאל 23, אויפמערקזאם!

א מיטינג

פון אלע סקוירט מאכער ווערט גערופען פאר

דאנערשטאג אווענט, דעם 16טען דזשולאי

7.30 פינקטליך.

אין יוניאן בילדינג, 231 איסט 14טע סטריט, (5טער פלאר)

ביי דיזען מיטינג וועט געמאכט ווערען א „ראל קאל" פון יעדען שאפ. יעדער שאפ וועט מוזען זיין פארטראטען דורך א קאמיטע אדער דורכ'ן שאפ־טשערמאן. דאס איז דער לעצטער באשלוס פון לאקאל. אויב א שאפ וועט ניט ענטפערען דעם „ראל קאל" וועט דער שאפ גערופען ווערען צום גריוועגס קאמיטע.

עקז. באארד לאקאל 23

מ. קאנסקי, טשערמאן. ל. פינקאווסקי, סעקרעטער.

נ. ב. ביי דיזען מיטינג וועט ברודער דזשייקאבסאן ערקלעהרען פאר אונזערע מעמבערס ווי צו באגעהן זיך מיט די אינשורענס, אז איהר זאלט וויסען ווי צו באגעהן זיך אין דער צוקונפט.

קלאוק, סקוירט און דרעס פרעסערס יוניאן לאקאל 35

קלאוק פרעסערס, אויפמערקזאם!

רעגעלע מיטינגען

פון אלע קלאוק פרעסערס וועלען אפגעהאלטען ווערען

מאנטאג אווענט, דעם 13טען יולי,

8 אוהר אבענד

אין די פאלגענדע פלעצער:

אלע ניו יארקער און ברוקלינער קלאוק פרעסערס

וועלען מיטען

אין בעטהאווען האל, 120 איסט 5טע סטריט

בראנקס — אין מעקינלי סקווער גארדען, 1258 באסטאן ראוד (צווישען 168טע און 169טע סט.)

פאלגענדע פראגען וועלען פארהאנדעלט ווערען:

1. עקזעקוטיוו און דזשאינט באארד באריכט.
2. אפיס באריכט.
3. רעקאמענדיישאנס, צום וואהל און בעסטען.

ברידער: די אויבענדערמאנטע פראגען זיינען זעהר וויכטיגע און איהר זייט דעריבער אויפגעפאדערט צו אטענדען און קומען אין צייט.

אלע בראנזווילער פרעסערס

וועלען מיטען שבת, דעם 11טען דזשולאי, אום 8 אוהר אווענט, אין בראנזווילער לייבאר לייסעאום, 219 סעקמאן סטריט.

עקזעקוטיוו באארד לאקאל 35.

דזש. ברעסלאוו, סעקרעטער.

פרעסערס
פון קלאוקס

זייט וויסען דאס די ווייטער ברעט־לאך צו פרעסען וועלוועט און בע־ליוויע, וואס מיר האבען ביז איצט געמאכט מיט די צוזעפעכטע לייד־ווענג אדער צוגעשלאגען אויף האלץ זיינען ערקלערט געווארען פון אונ־זער פעקטארי־דאקטאר פאר אומ־געזונד צו יוזען, דען דער גערוך פון די צוואווארימטע פעך און די צופא־רעטע האלץ קאן ברענגען צו קאנ־סאמפשאן.

יוזט נאר אונזער נייעם פעטענט מיט די קופערנע לייוונער, וועלכע איז אנערקענט געווארען פון די גרעסטע עקספערטען אין וואשינג־טאן אלס העכסט סאניטארישע ווייד־ער ברעטלאך.

צו באקומען ביי די

אמעריקאן פלאש און וועלוועט פרעס־באארד קאמפאני

123 פינפטע עוועניו ניו יארק

טעלעפאן אשלאנד 6650-6651

מיר פארקויפען אויך די לייטעסט סטייל סטימערס. טרוקענע סטים מיט א גאראנטיע.

מיר האבען אויך פינקינג משינס — די בעסטע אין מארקעט.

די אידישע אגריקולטור (באראן הירש) סאסייעטי

העלפט אלע צוקונפטיגע פארמערס מיט גוטע־ פינאנס וועגען פארמעריי און ווי זיך אויס־ צוהיטען פון שווינדלערס, ווען איהר קויפט אייער פארם.

ניט קיינע רעפאוזיטס איידער איהר בארעט זיך מיט אונז.

אונזער ראט און טאט איז אבסאלוט פריי. שרייבט אדער קומט פערזענליך.

אפען טעגליך אויסער שבת — פון 9 ביז 5, זונטאג — ביז 1 אוהר.

JEWISH AGRICULTURAL SOCIETY, INC.

[illegible] E. 14th St., New York City

ענגליש

פריוואטע לעסאנס ביי אייך אין הויז, קיין אונטערשיעד וואו איהר וואוינט. מיר זיינען ספעציאליס־טען און אונזערע מעטאדען זיינען אזוי לייכט, דאס מיר קענען פארזיכערען אייער ערפאלג. אלעס וואס מיר רעכענען איז $10 א מאנאט. שיקט אייער נאמען און אדרעס און אונזער מענעדזשער וועט אייך באזוכען.

Private English Teachers

157 East 47th St., New York

וואלדמאן און ליבערמאן
לאיערס

302 BROADWAY, NEW YORK

Telephone: Worth [illegible]

לערענט דעזיינינג

איהר קענט פערדינען פון 50 ביז 200 דאלאר וועכענטליך
נעהמט א קורס אין דער בעריהמטער

מיטשעל דעזיינינג סקוהל

פון מענ'ס, פרויען, מיסעס און קינדער קליידער און ליידיס פאר גארמענטס.
די מיטשעל סקוהל פאר דעזיינינג לערנען צו מאכען פעטערנס, גריידינג, דרייפינג און פיטען קלאוקס, סוטס, דרעסעס, פאר פאר גארמענטס און מענ'ס קליידער.

געגרינדעט איבער 50 יאהר.
די סקול האט ערריכט
נייע אידעען, נייע סיסטעמען, בעסטע רעזולטאטען.
א קורס אין דער מיטשעל דעזיינינג סקול מיינט א בעלדינגע שטעלע און גוטע וויידזשעס.
א גוטע פראפעסיאן פאר מענער און פרויען, און עס איז זעהר לייכט זיך אויסצולערנען.
באזונדערע לעסאנס וועט געגעבען ווערען אין אייער אייגענער שפראך, אום איהר זאלט אלעס פארשטעהן.
די באדינגונגען פאר'ן אויסלערנען זיך זיינען זעהר לייכטע.
מיר זיינען די עלטסטע פעשיאן קאמפאני אין אמעריקא און מיר פארקויפען פעשיאנס און שניידען אלערליי פעטערנס.
טאג און אווענט קלאסען.
אווענט־קלאסען, מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג.
פרייע דעמאנסטריישאן אין אונזער סקוהל.
קומט פערזענליך פאר פרייע אינפארמאציע.

מיטשעל דעזיינינג סקוהל
15 וועסט 37טע סטריט, ניו יארק. טעלעפאן פיטצרוי 1674.

הארלעם באנק און קאמערס

2118 צווייטע עוועניו קאר. 109טע סטריט ניו יארק

פ. מ. פעראַרי, פרעזידענט
פ. עקס מאנקוסא, טשערמאן און די באארד
ה. וו. הובארד, וויס־פרעזידענט
פ. פעראַרי, וויס־פרעזידענט
ה. לאזארוס, וויס־פרעזידענט
אנטאני דע פאאלא, קעשיער.

מיר טוען אלע באנק טראנסעקשאנס
אויסגעצייכענטע סייפטי דעפאזיט וואולטס

פיארילא ה. לא גווארדיא, לאיער פון באנק.
(18)

איצט איז די בעסטע צייט צו טרענספערירען אייער אקאונט אין דער

אינטערנעשאנאל יוניאן באנק

פינפטע עוועניו און 21טע סטריט, ניו יארק

1 דאלאר
עפענט אן אקאונט
5 דאלאר
ציהט אינטערעסט
לעגט ניט אפ אויף שפעטער!
איצט איז די צייט אנצו־פאנגען — אויף שפעטער וועט דאס אייך זעהר צוניץ קומען.

געלדער אריבער־געשיקט אין אלע וועלט־טיילען שנעל, פינקטליך און ביליג!

פארמעגען **$4,500,000.00**
פיער מיליאן פינף הונדערט טויזענט דאלאר.
אלע דעפאזיטס וואס וועלען געמאכט ווערען ביז דעם
20טען דזשולאי וועלען קריגען
4%
אינטערעסט פון דעם 1טען דזשולייי
ברענגט אונז אייער באנק בוך, מיר טרענספערירען אייער געלט מיט די אינטערעסט נים פארלירענדיג קיין צייט.

International Union Bank
Fifth Avenue and Twenty-First Street
Member Federal Reserve System

דער קאמפיין פאר יוניאן ברויט

א שווערען קאמף פיהרען אן די אידישע בעקער־ארבייטער־יוניאנס פון ניו יארק זייט דעם לעצטען 1טען מאי, ווען א געוויסע צאהל בעקער־באסעס פון פארשידענע געגענדען פון שטאדט האבען ניט באנייט די אגרימענטס מיט די בעקער יוניאנס, און די ארבייטער פון יענע שעפער זיינען פון דאן אן אויסגעשלאסען פון דער ארבייט. דיזע בעקער־ארבייטער, וועלכע קעמפען פאר זייערע ארבייטס־קאנדיציאנען אפעלירען צו אלע ארבייטער און פריינד, מען זאל זיי העלפען. די שטיצע, וואס זיי בעטען איז, אז מען זאל פאדערען אין אלע גראָסערים און אין די רעסטאראנען ברויט מיט'ן יוניאן לייבעל פון דעם אינטערנעשאנאל בעקער־פארבאנד, און דאס וועט זיין די בעסטע און זיכערסטע הילף פאר די ארגאניזירטע בעקער־ארבייטער. דאס וועט פיהרען דערצו, אז די אלע בעקער־באסעס וועלען נאכגעבען די גערעכטע פאדערונגען פון די בעקער־ארבייטער.

דער אינדוסטריעלער קאנפליקט אין דענמארק.

די ארבייטער פון דענעמארק פיהרען איצט אן א קאמף, וועלכער פארשפרעכט צו פארציהען זיך א לאנגע צייט, מיט זעהר קליינע אויסזיכטען אויף ערפאלג. אנגעפאנגען האט זיך עס מיט א גרויסען לאקאוט. די פארהאנדלונגען וועגען א סעטעלמענט האבען זיך פארענדיגט אהן פאזיטיווע רעזולטאטען. און דאס האט געפיהרט צו דעם, אז דאס פעלד פון קאמף איז נאכמעהר אויסגעשפרייט געווארען, ווייל אויך די טראנספארט ארבייטער האבען זיך אנגעשלאסען אן דעם סטרייק. דער רעזולטאט איז, אז די ארבייט אין אלע גרויסע אינדוסטריען איז אפגעשטעלט געווארען. די ארבייטסגעבער ווייזען נים ארויס קיין ווילונג צו סעטלען, און די ארבייטער זיינען פון זייער זייט אנטשלאסען צו פארבלייבען אין סטרייק, ביז עס וועלען נאכגעגעבען ווערען זייערע פדערונגען. ארויין און די דראטעל וועט איבערברענען.

די קולטורעלע טעטיגקייט פון דער אידישער ארבייטערשאפט אין ארץ ישראל

די טעטיגקייט פון דער ארץ ישראל ארבייטערשאפט אויפ'ן קולטורעלען געביט איז אומגעהייער פארשיידענארטיג און פארצווייגט. אין זייערע אווענט קורסען פאר דערוואקסענע לערנען איצט ביי צוויי טויזענט חלוצים, די פאלגענדע למודים: די העברעאישע שפראך, תנ"ך, ארץ ישראל געאגראפיע, ארבייטער באוועגונג אין דער וועלט און אין ארץ ישראל, און העברעאישע ליטעראטור. אין די ספעציעלע שולען פאר דער ארבייטער יוגענט לערנען איצט ביי א 150 קינדער, וואס מוזען ארבייטען בייטאג אום צו פארזיכערען זייער ברויט. עס ווערט געלערנט: די העברעאישע שפראך, תנ"ך, רעכענען, נאטור וויסענשאפט, צייכנען, זינגען און גימנאסטיק. צעהן ספעציעלע קינדער שולען, און זעכצען ספעציעלע קינדער גארטענס ווערען אויסגעהאלטען אין די פארשידענע שטעדט און דערפער אין די ארבייטער ישובים. עס לערנען אין זיי קרוב צו פינף הונדערט תלמידים. די צענטראל ביבליאטעק פון דער ארבייטערשאפט אנטהאלט 40 טויזענט ביכער, וועלכע זיינען פאנאנדערגעטיילט אין הונדערטע צוווארפענע פונקטען איבער'ן לאנד. די גרעסטע צאל פון די ביכער איז געקויפט אין ארץ ישראל און אין אויסלאנד. עס ווערט איצט אנגעפירט א ביכער זאמלונג אין אמעריקא פאר דער ביבליאטעק, אבער אויך גרעסערע געלט סומען זיינען נויטיג אום צו ערמעגליכען צופרידענצושטעלען די פאדערונגען פון די חברים. א גרויסע צאל פון וויכטיגע ביכער איז שוין ארויסגעגעבען געווארען דורך דער ארבייטערשאפט. פילע ביכער האלטען ביים ערשיינען. א ביכער סקלאד איז איינגעארדענט געווארען אין וועלכען עס צענטראליזירט זיך די גאנצע ארץ־ישראל ארבייטער ליטעראטור. א גאנצע רייע וויסענשאפטליכע לעקציעס און קורסען, פאר־שולען, ווי אויך מוזיקאלישע, דראמאטישע און צייכנונגס קלובען און אינסטיטוציעס ווערען אנגעפירט און אויסגעהאלטען פון דער ארבייטערשאפט אין ארץ ישראל. זיי טרעטען איצט אויך צו צו דער גרינדונג פון א וויסענשאפטליכען אגריקולטורעלען אינסטיטוט אין עמק, ווי אויך א ספעציעלען אינסטיטוט וואו עס זאלען געבילדעט ווערען לערער פאר די ארבייטער.

צו דעם אלעם קומט איצט צו זעהר א נייע און ערפרעהענדע ערשיינונג. דעם 1טען יוני האט אנגעפאנגען ארויסגעהן די טעגליכע ארבייטער צייטונג, „דבר", אין וועלכער עס ווערט געשפיגעלט בכלל דער לעבען פון די אידישע ארבייטער און חלוצים, און וועלכע אנטהאלט בכלל זעהר וויכטיגע אינפארמאציע וועגען א"י לעבען. אין אגענטור פאר דער צייטונג איז איצט געשאפען געווארען און געפינט זיך אין 133 צווייטע עוועניו. דער אבאנירונגס פרייז פאר דער צייטונג איז $12 יעהרליך, און $7 האלב יעהרליך. אבאנענטען ווערען אנגענומען אין דעם אויבען דערמאנטען אפיס. אין דעם זעלבינען פלאץ ווערען אויך אנגענומען אלע בייטראגע פאר דעם ספעציעלען ביכער קאמפיין, וועלכער ווערט איצט אנגעפירט פאר די קולטור אנשטאלטען פון דער אידישער ארבייטערשאפט אין ארץ ישראל.

דענטאל קליניק מופט אין א צווייטער בילדינג

דער דענטאל קליניק האט ניט גענוג פלאץ אין דעם יוניאן העלטה סענטער, און דער פלאר, וואס ער פארנעהמט אין דער בילדינג איז זעהר נויטיג פאר די מעדיקאל קליניקס פון דעם יוניאן העלטה סענטער. דער דענטאל דעפארטמענט פו' דעם יוניאן העלטה סענטער וועט דעריבער

דעם 1טען סעפטעמבער, 1925
איבערגעפען אין אן עלעוויישאר בילדינג,
אין 222 4טע עוועניו
קאר. 18טען סטריט, אויפ'ן 6טען פלאר.

דער דענטאל דעפארטמענט וועט דארט האבען א גרויסען קארנער פלאר מיט 35 פענסטער, און דארט וועט אריינגעשטעלט ווערען 25 דענטאל טשערס, און די גרויסע צאהל פאציענטען, וואס קומען אין דעם „דענטאל דעפארטמענט, וועלען בעסער און גיכער אטענדעט ווערען. זיי וועלען נישט דארפען ווארטען לאנג אויף זייער „נעקסט" און וועלען באקומען מעהר אויפמערקזאמקייט. מען וועט דארט מאכען נאך בעסערע ארבייט און פאר א ריזאנייבעל פרייז.

דער יוניאן העלטה סענטער וועט פארגרעסערען זיינע קליניקס און וועט פארבלייבען אין זעלבען פלאץ.

131 איסט 17טע סטריט.

ער וועט פארנעהמען די גאנצע בילדינג פאר די קליניק.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע

בצדקתי החזקתי ולא ארפה.
(איוב, כ"ז, 6.)

אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װארקערס יוניאן

Vol. VII. No. 29. | New York, Friday, July 17, 1925 | פרייטאג, 17טען יולי, 1925 | PRICE 3 CENTS

דזשאינט באארד רעקאמענדירט אגרימענטס אין טרייד זאלען באנייט ווערען פאר איין יאהר צייט

די מיטגלידער פון אלע קלאוקמאכער לאקאלס פון דעם דזשאינט באארד זיינען אויפגעפאדערט זיך צו באטייליגען אין דעם רעפערענדום. — דזשאינט באארד פאדערט פון דער קאמישאן אן ענטשיידונג ניט שפעטער ווי דעם 15טען מאי, 1926.

רעפערענדום אפשטימונג וועט פארקומען דעם פרייטאג און שבת, 17טען און 18טען דזשולַיי

די רעקאמענדאציעס פון דעם גאווערנאר'ס קאמיסיע, אז די אגרימענטס אין טרייד זאלען באנייט ווערען פאר 1 יאהר צייט, און דאס אין פארלויף פון דעם יאהר וועט די קאמיסיע ארויסגעבען באשטימטע רעקאמענדאציעס אין באצוג צו די אלע פאדערונגען, וואס די יוניאן האט ארויסגעשטעלט, זיינען באטראכט געווארען אויף צוויי מיטינגען פון דזשאינט באארד, אויף דעם רעגעלען מיטינג פרייטאג אווענט און אויף א ספעשעל מיטינג דינסטאג אווענט.

אויף די מיטינגען פון דזשאינט באארד איז די פראגע גאנץ גענוי ארומגערעדט געווארען. די דעלעגאטען צום דזשאינט באארד, ווי די באאמטע פון דער יוניאן, האבען אויסגעדריקט גרויס אנטוישונג מיט די דאזיגע רעקאמענדאציעס. אבער מען איז געקומען צום שלוס, דאס אין דעם מאמענט, נעמענדיג אין אנבאטראכט די אומשטענדען, קאן ניט זיין קיין אנדערער אויסוועג ווי אנצונעמען די רעקאמענדאציע פון דער קאמיסיע, דאס די אגרימענטס זאלען באנייט ווערען פאר איין יאהר צייט.

די דעלעגאטען צו דעם דזשאינט באארד, אזוי גוט ווי די באאמטע פון דער יוניאן, האבען ארויסגעוויזען ניט ווייניג ענטריסטונג, וואס די קאמיסיע האט ניט באוויליגט די גערעכטע פאדערונגען פון דער יוניאן שוין איצטער און די רעקאמענדאציע צו ווארטען נאך א יאהר ווערט אנגענומען מיט א געפיהל פון פראטעסט. און דער באשלוס פון דזשאינט באארד לויטעט, דאס די קאמיסיע זאל אויפגעפאדערט ווערען, אז די רעקאמענדאציעס, וואס זי וועט מאכען אין באצוג צו די אלע יוניאן־פאדערונגען, וואס בלייבען הענגען פאר נאך א יאהר צייט, זאל זי

וואו מ'וועט קאנען שטימען:

אין דזשאינט באארד אפיס, 130 איסט 25סטע סטריט.
דאון טאון אפיס, 33 2טע עוועניו.
איטאליענישע קלאוקמאכער יוניאן לאקאל 48, 231 איסט 14טע סטריט, נ. י
הארלעם אפיס, 165 איסט 121טע סט.
ברוקלין אפיס, 105 מאנטראוז עוועניו
בראנזוויל אפיס, 219 סעקמאן סטריט
שטימען וועט מען דעם פרייטאג און שבת, דעם 17טען און 18טען דזשולַיי.

עס מאכען ניט שפעטער ווי דעם קומענדען 15טען מאי, כדי די יוניאן זאל האבען גענוג צייט צו באטראכטען די לאגע, אין פאל די גערעכטע פאדערונגען פון דער יוניאן וועלען ניט באוויליגט ווערען.

גלייכצייטיג איז באשלאסען געווארען, דאס די פראגע זאל איבערגעגעבען ווערען צו א רעפערענדום־אפשטימונג פון די גאנצע מעמבערשיפ פון אלע לאקאלס פון די קלאוקמאכער, וואס זיינען פאראייניגט אין דעם דזשאינט באארד. און דאס זאל געטאן ווערען אזוי גיך ווי מעגליך. א פארשלאג איז אנגענומען געווארען, אז די רעפערענדום־אפשטימונג זאל פארקומען דעם פרייטאג און שבת, דעם 17טען און 18טען דזשולַיי. שטימען וועט מען קאנען אין אלע אפיסעס פון דזשאינט באארד אין ניו יארק, ברוקלין און בראנזוויל.

רעפערענדום קאמיטע ערוועהלט.

דער דזשאינט באארד האט ערוועהלט א קאמיטע פון דריי און יעדער לאקאל פון דזשאינט באארד וועט אויך אפאינטען א קאמיטע פון דריי און די אלע פערזאנען וועלען האבען די אויפזיכט איבער דער רעפערענדום־אפשטימונג.

אלזא, דער דזשאינט באארד, נעמענדיג אין אנבאטראכט די איצטיגע אומשטענדען, רעקאמענדירט צו די מיטגלידער פון דער יוניאן, זיי זאלען שטימען אנצונעמען די רעקאמענדאציע פון דער קאמיסיע, אז די אגרימענטס זאלען בלייבען אין קראפט פאר נאך א יאהר צייט, ווי שוין פריהער ערקלערט. דאס מיינט, אז די מעמבערס זאלען

(שלוס אויף זייט 16.)

קאמוניסטישע רעדעל־פיהרער אין דער יוניאן אויסגעשלאסען פון אמט

דזשאינט באארד הייסט גוט דעם אורטייל פון די טרייעל קאמיטע מיט בלויז איין שטימע געגען. — אנגעקלאגטע ווערען געפונען שולדיג אין אלע קלאגען און וועלען ניט קאנען לויפען פאר אן אמט פון איין ביז דריי יאהר. — וואהלען פאר עקזעקוטיוו באארד מעמבערס פון די לאקאלס 2, 9 און 22 וועלען קירצליך געמאכט ווערען.

אויף דעם ספעשעל מיטינג פון דעם דזשאינט באארד דינסטאג אווענט האט די טרייעל־קאמיטע פון דעם דזש. ב., וואס איז באשטימט געווארען אויסצוהערען די קלאגען, וואס ברודער פיינבערג האט געמאכט געגען די מענעדזשערס און עקזעקוטיוו באארד מעמבערס פון די לאקאלס 2, 9 און 22, פארגעלעזען איהר רעפארט. דער רעפארט איז פארגעלעזען געווארען פון דעם טשערמאן פון דער קאמיטע, ברודער ה. בארענשטיין, פון לאקאל 35.

די דעלעגאטען צום דזשאינט באארד האבען מיט גרויס ערנסט זיך צוגעהערט צו דעם רעפארט פון דער טרייעל קאמיטע און א פארשלאג איז געמאכט געווארען עם גוטצוהייסען. עס איז געשטימט געווארען דורך א „ראל קאל“ און דער אורטייל פון דער טרייעל־קאמיטע געגען די אלע אנגעקלאגטע איז גוטגעהייסען געווארען מיט בלויז איין שטימע געגען.

גלייך נאכדעם איז באשלאסען געווארען, עס זאל אזוי גיך ווי מעגליך געמאכט ווערען וואהלען פאר עקזעקוטיוו באארד מיטגלידער פאר די לא־

(שלוס אויף זייט 5.)

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט“ נומער 29.

זייט 2. דער יוניאנ'ס פאדערונגען פאר'ן גאווערנאר'ס קאמיסיע. שלוסען פון ז. 1.
זייט 3. אין דער קלאוק און ריפערמאכער יוניאן, לאקאל 2 — מ. י. אשפיז.
זייט 4. אין דער סעמפעל מאכער יוניאן, לאקאל 3 — ד. רובין.
זייט 5. שלוס פון זייט 1.
זייט 6. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען.
זייט 7. אין סטעפ — איוואן ליטשקא.
זייט 8. רעדאקציאנעלע נאטיצען.
זייט 9. די רעקאמענדיישאן פון דער גאווערנאר־קאמיסיע.
זייט 10. קורץ און שארף — י. ב. ג. לידער — האפיז.
זייט 11. פיל־פעדער און שרייב־מאשין — על עם. אין און ארום דעם אינשורענס דעפארטמענט —ל. שמוקלער.
זייט 12. די נייע פאליטיק פון דער סאוועט רעגירונג אין רוסלאנד — פ. צ. אין וויטע לענדער (פעליעטאן)—ז. ווהילער.
זייט 13. קורצע שמועסען.
זייט 14 און 15. שלוסען און אדווערטייזמ.
זייט 16. יוניאן־נייעס. שלוסען פון ז. 1. אין דער קלאוק פינישער יוניאן, לאקאל 9 — איזידאר סארקין.

די רעקאמענדאציעס פון גאווערנאר'ס קאמיסיע אויפגענומען מיט ענטוישונג

פרייטאג פארנאכט, דעם 10טען דזשולַיי, זיינען אין דער בילדינג פון די באר אסאסיאיישאן, וועסט 43טע סטריט, זיך צונויפגעקומען די פארשטעהער פון אלע צדדים אין דער קלאוק אינדוסטריע, און מען האט זיך זעהר נייגעריג צוגעהערט ווי דער טשערמאן פון דער קאמישאן, דער בארימטער לאיער דזשארדזש גארדאן בעטל, האט פארגעלעזען א געדרוקטען פאמפלעט, אין וועלכען עס געפינען זיך די רעקאמענדאציעס פון דער קאמישאן אין באצוג דער קלאוקמאכער יוניאן און די אלע אסאסיאיישאנס אין דער אינדוסטריע.

אן איבערזעצונג, ווארט אין ווארט, פון די רעקאמענדאציעס פון דעם גאווערנארס קאמישאן וועלען די לעזער געפינען אויף זייט 9 אין דער צייטונג. דער גאנצער פאמפלעט איז איבערזעצט געווארען ווארט אין ווארט, כדי די קלאוקמאכער זאלען וויסען גאנץ גענוי וואס די קאמישאן רעקאמענדירט.

כמעט אין אלע צייטונגען איז געווען באריכטעט, דאס די קאמישאן האט ארויסגעגעבען „אן אנטשיידונג“. דאס איז ניט ריכטיג, און זאל קיינער זיך ניט לאזען פארפיהרען פון דעם געדאנק. די קאמישאן האט ניט ארויסגעגעבען קיין אנטשיידונג, זי האט נאר געמאכט געוויסע רעקאמענדאציעס.

אין קורצען קאן מען זאגען, דאס

(שלוס אויף זייט 2.)

א ווארנונג צו די מעמבערס פון די לאקאלס 2, 9 און 22

די מעמבערס פון די לאקאלס 2, 9 און 22 ווערען אויפגעפאדערט צו צאהלען דיוס און אנדערע צאהלונגען אין דער יוניאן, בלויז אין דעם אפיס בילדינג פון דזשאינט באארד און אין די לאקאל אפיסעס פון לאקאל 2 און לאקאל 9.

אין דער זעלבער צייט ווערען די מעמבערס געווארענט ניט צו צאהלען קיין דיוס, אדער מאכען אירגענד וועלכע אנדערע צאהלונגען אין 16 וועסט 21טע סטריט, אין דעם אפיס פון לאקאל 22, וואס די קאמוניסטען האבען פארנומען און האלטען איבער געוואלד. די צאהלונגען, וואס וועלען געמאכט ווערען אין אירגענד וועלכען אנדערען פון זייערע אפיסעס, וועלען ניט אנערקענט ווערען. די מעמבערס וואס וועלען דארט מאכען אירגענד וועלכע צאהלונגען וועלען דורך דעם אקט זיך אליין אויסשליסען פון דער יוניאן און וועלען פארלירען דאס רעכט אויף די אלע בענעפיטס וואס די יוניאן גיט זיי.

אברהם באראף,
סעקרעטאר־טרעזשורער א. ל. ג. וו. י.

א גרויסער עולם פארברענגט זעהר שעהן דעם 4טען דזשולייי אין דער יוניטי הויז

פרייטאג אווענד א רוסישע נאכט. — שבת פארמיטאג אן אינטערעסאנטער לעקטשור איבער קונסט. — שבת אווענד א גרויסארטיגער קאנצערט. — זונטאג פארמיטאג ליטערארישע פארלעזונג. — גימנאסטיק, טענץ, שווימען און פארשידענע גיימס. — עסען און טרינקען כיד המלך!

לכבוד דעם 4טען דזשולייי האט א גאנץ גרויסער עולם גרויסארטיג פאר־בראכט אין יוניטי הויז פרייטאג, שבת און זונטאג ביז נאכמיטאג. עס זיינען דארט געווען קנאפע זעקס הונדערט „געסט". מיט אלע אנגעשטעלטע און ארבייטער אין דעם פלאץ זיינען אנווע־זענד געווען אריבער זיבען הונדערט מענ־שען. דאס איז געוויס א גרעסערע צאהל מענשען, ווי אפילו די גרויסע יוני־טי אימעניע קאן ארייננעהמען און געבען אלעמען די אלע באקוועמליכקייטען, וואס עס ערווארטען דארט די געסט געוועהנ־ליך. אבער וואס קאן מען טאן? א גרויסער מענשען־שטראם האט זיך געצוי־גן צום רעדזשיסטריישאן אפיס אין אונזער אינטערנעשאנאל בילדינג, זיך איינצושרייבען ארויסצופאהרען פאר'ן 4טען דזשולייי. און ווען דער ליסט איז שוין געווען געשלאסען, ווען מען האט שוין מעהר קיינעם ניט געוואלט אנ־נעהמען, כדי עס זאל דארט ניט זיין צו־ענג, זיינען נאך אלץ געקומען טעטיגע מיטגלידער פון דער יוניאן און גע־טענה'ט, אז מען מוז זיי ארייננעהמען! מאנכע פון זיי האבען פשוט נים געוואלט אוועקגעהן פון אפיס, ביז מען האט זיי דאך געמוזט רעדזשיסטרירען.

און דער גרויסער עולם האט פאר־בראכט אויפ'ן שעהנסטען און בעסטען אופן, א דאנק דעם זארגפעלטיגען מע־נעדזשמענט פון דעם גרויסען פלאץ, וואס איז אונטער דער פולער אויפזיכט פון וויס־פרעזידענט, י. שעהנהאלץ. אלץ איז געטאן געווארען מצד דעם מענעדזש־מענט צו זעהן, אז דער גאנץ גרויסער עולם זאל זיך פיהלען באקוועם; און די אנשטרענגונג איז געקרוינט געווארען מיט ערפאלג.

און דער גרויסער עולם האט זיך גע־פיהלט גאנץ יום־טוב'דיג. דער וואונ־דער־שעהנער פלאץ מיט זיין גאנצען אוצר פון נאטור־פראכט האט אלעמען באצויבערט און ארויסגערופען ביי זיי די שעהנסטע און בעסטע געפיהלען. עס האט ביי זיי אוועקגענומען אלע שטאָר־טישע דאגות און זארג, און זיי האבען זיך געפיהלט, ווי ניי־באלעבט. דער עולם האט זיך געפיהלט העכסט לוסטיג און לעבעדיג, אין דעם בעסטען זין.

פרייטאג אווענד, דעם 3טען דזשולייי, איז געווען א „רוסישע נאכט". מענער און פרויען האבען זיך אנגעטאן אין רוסי־שע נאציאנאלע קאסטיומען, און מען האט געטאנצט רוסישע טענץ. מען האט אויך געשפילט רוסישע מעלאדיען און געזונגען רוסישע פאלקס־לידער. די רו־סישע מעלאדיען זיינען געשפילט געווא־רען פון א באלאלייקע ארקעסטער, וואס איז צונויפגעשטעלט געווארען פון די געסט, וואס געפינען זיך דארט און שפי־לען אויף דעם אינסטרומענט. די שפי־לער זיינען געווען: דר. מ. גרינבערג, מר. י. סלאווין, דר. וו. סטאשאף, מר. ה. כאיעווסקי, מר. דייוו פרעסבערג און מר. סעם מאנדעל.

די רוסישע פאלקס־לידער זיינען גע־זונגען געווארען פון מאדאם דארא בא־שאווער. די זינגערין איז געבראכט גע־ווארען אין דער יוניטי הויז צו דעם ער־עפענונגס־קאנצערט, אבער זי גלייכט זעהר דעם פלאץ, און איז דארט פארבליבען פאר איהר וואקיישאן. זי איז זעהר פאפולער אין יוניטי לאנד, און ביי יעדער שמחה מוז זי זינגען. אזוי איז עס גע־ווען פרייטאג ביינאכט צו דער רוסישער נאכט און אזוי איז עס אויך געווען שבת ביינאכט ביים קאנצערט לכבוד דעם 4טען דזשולייי. דער עולם האט אפלא־דירט און זי ארויסגערופען, און זי האט נאכגעגעבען, זי האט געזונגען מיט'ן זעל־בען ארטיסטישען חן, ווי צו דעם ער־עפענונגס־קאנצערט, ווי דאס איז שוין געווען באשריבען אין דער „גערעכטיג־קייט".

א קונסט אויסשטעלונג אין דער לייברערי

ווי עס איז געווען געמעלדעט לעצטע וואך אין דער „גערעכטיגקייט", האט דער אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנעל דעפארט־מענט ארגאנזשירט א קונסט אויסשטע־לונג. די אויסשטעלונג איז געגעבען גע־ווארען פון דעם באוואוסטען מאיער, אבע אסטראווסקי, דער דירעקטאר פון דער „ארט סקול" פון עדיוקיישאנעל אליאנס.

אבע אסטראווסקי איז נים גלאט א קינסטלער, ער איז א מענש מיט א ווא־רימער נשמה און האט זיך געשטעלט אין לעבען א געוויסע מיסיע, וואס איז גאנץ נאהענט צו דער ארגאניזירטער אידישער ארבייטער באוועגונג. אבער וועגען דעם א צווייטען מאל. דא וויל איך בלויז באריכטען פון דער קונסט אויסשטעלונג, וואס ער האט געגעבען אין דער יוניטי הויז. ער האט געבראכט מיט זיך א גאנץ פעקעל פון שעהנע געמעלאכצען, וואס זיינען געמאכט געווארען פון ארימע ארבייטער־קינדער, מיידלאך און אינגלאך, די שילער פון דער „ארט סקול", וואו ער איז דער לעהרער און דירעקטאר.

די אויסשטעלונג איז געגעבען גע־ווארען אין דער פראכטפאלער יוניטי לייברערי. די געמעלאכצען זיינען אויס־געהאנגען געווארען ארום די ווענט פון דער לייברערי, און אזוי זיינען אויך אויסגעשטעלט געווארען די בילדער. און שבת און זונטאג האט דער עולם בא־זוכט די אויסשטעלונג און געהאט א גיי־סטיגען גענוס פון די שעהנע זאכען, וואס זיינען דארט אויסגעשטעלט געווארען.

שבת פאר־ און נאכמיטאג האט פריינד אסטראווסקי געגעבען קורצע לעקציעס, ערקלעהרענדיג פאר'ן עולם די באדיי־טונג פון די קונסט־זאכען אויף דער אויסשטעלונג, און ער האט אויך געגעבען א באגריף, ווי אזוי די קונסט־ווערק ווע־רען געשאפען. מאנכע פון די אנוועזענ־דע האבען געשטעלט פראגען, וועלכע דער קינסטלער האט גאנץ גערן געענט־פערט.

שוועסטער פאניא מ. קאהן, עקזעקו־טיוו סעקרעטארין פון אונזער עדיוקיי־שאנעל דעפארטמענט, האט פארגעשטעלט דעם קינסטלער און געהאלטען א קורצע ערעפענונגס־רעדע.

עס וועט אויך ניט שאדען צו בא־מערקען, דאס פריינד אסטראווסקי איז געווען העכסט באגייסטערט פון דער יו־ניטי הויז. „איך בין אנגענעהם איבער־ראשט", — האט ער געזאגט צום שריי־בער פון די שורות, — „פון דעם וואונ־דער־שעהנעם פלאץ און נאכמעהר אי־בערראשט בין איך, ווי גרויסארטיג דאס פלאץ ווערט אויפגעהאלטען."

אויסצוזעצען האט ער געהאט בלויז וועגען דעם נאמען. „ווי פאסט זיך „יו־ניטי הויז" פאר אזא פלאץ? — האט ער געפרעגט — דער נאמען נארט דאך אזוי פיל אפ!" — האט ער אויסגערו־פען. — „איך האב געמיינט, אז איך פאהר אין עפעס א הויז און אריינגע־פאהרען בין איך אין א גרויסען רייכען שלאס, וואס מען קען זיך קוים פאר־שטעלען, אז דאס זאל באלאנגען צו אן ארבייטער ארגאניזאציע. און דאס אלץ רופט מען מיט דעם גאנצ'ן באשיידענעם נאמען „יוניטי הויז"!"

שבת אווענט, א גרויסארטיגער קאנצערט

שבת איז געגעבען געווארען א גרויס־ארטיגער קאנצערט, וואס האט נאך אי־בערגעשטיגען דעם שעהנעם קאנצערט, וואס איז דארט געגעבען געווארען צו דער ערעפענונג.

די פאלגענדע קאנצערט קינסטלער האבען זיך באטייליגט:

1. סאול באראף האט געגעבען איי־ניגע וויאלין סאלאס און האט ארויס־גערופען פיל ענטוזיאזם מיט זיין שפי־לען. ער האט דאס מאל געשפילט מיט מעהר טעמפעראמענט, ווי אירגענד ווען פריהער, וואס מיר האבען איהם גע־הערט שפילען.

2. סאניא ראדינא, סאפראנא, האט שעהן און הארציג געזונגען און באקומען א גרויסע אוואציע. זי איז געווען אנ־געטאן אין א רוסיש־נאציאנאלען קא־סטיום, און דאס האט צוגעגעבען מעהר ארטיסטישען חן צו די רוסישע פאלקס־לידער, וואס זי האט געזונגען.

3. נומער דריי איז געווען דער בא־ריהמטער קאנצערטינא־שפילער, גריגארי מאטוסעוויטש. ער האט געמאכט דעם גרעסטען פוראר. ער האט געשפילט אויף זיין קאנצערטינא און אויף נאך צוויי אנדערע אינסטרומענטען, און דער עולם איז פשוט ווילד געווארען פון באגייסטע־רונג, וואס ער האט ארויסגערופען; און ער האט געמוזט שפילען נאך און נאך.

4. נומער פיער איז געווען א בא־ריטאן־זינגער, סערגעי טושינאף, וואס איז געשיקט געווארען פון ס. יוראק. ער האט געזונגען אן אריע פון דער אפערא „נעראן", פון רובינשטיין, און נאך אנ־דערע קלאסישע זאכען.

5. מאדאם דארא באשאווער, וועל־כע מיר האבען שוין פריהער דערמאנט, איז דורך אן אוואציע ארויסגערופען גע־ווארען און זי האט געזונגען איינינע אידישע און רוסישע פאלקס־לידער.

צום שלוס האט גריגארי מאטוסע־וויטש געשפילט נאך א פאר זאכען אויף זיין קאנצערטינא, וואס האבען ווידער אויפגעשטורמט דעם עולם.

נאכ'ן קאנצערט האט דער רעגעלער יוניטי־ארקעסטער, אונטער דער קאנדאק־טארשיפ פון סאול באראף, געשפילט, און דער עולם האט געטאנצט ביז שפעט אין דער נאכט אריין.

אבער מיינט ניט, אז דאס איז שוין אלץ. איידער דער קאנצערט האט זיך אנגעפאנגען, איז געשפילט געווארען אן איינאקטער אין ענגליש, וואס איז גע־סטיידזשט געווארען פון מר. אייבראמס, דער „סאשעל דירעקטאר" און דזשים־טיטשער פון יוניטי לאנד, און טאקע ער אליין האט אין דעם איינאקטער גע־שפילט די הויפט־ראלע. די אנדערע, וואס האבען זיך באטייליגט, זיינען: רא־זע סקלאוער און לואיס סאז. דער איינ־אקטער, „די מייקער או דרימס", איז געווען גאנץ אינטערעסאנט און אויך אמוזירענד.

ליטערארישע פארלעזונג, זונטאג פארמיטאג

זונטאג פארמיטאג איז געגעבען גע־ווארען א ליטערארישע פארלעזונג אין „פיין גראוו", אין א קיהל ארט, „אין וועלדעל ביים טייכעל". עס איז געווען א שעהנע און גרויסע פארזאמלונג. עט־ליכע הונדערט פרויען און מענער הא־בען מיט פיל אויפמערקזאמקייט און אינטערעס זיך צוגעהערט צו די פארלע־זער און זיי אויפגענומען מיט א סך אפלאדיסמענטען.

דער באוואוסטער שרייבער און דרא־מאטורג, דוד פינסקי, האט פארגעלעזען א פאר זאכען פון זיינע ערשטע שא־פונגען פון פראלעטארישען לעבען און קאמף, מיט א יאהר 30 צוריק, און האט פארענדיגט מיט אנדערע זאכען, וואס ער האט געשריבען די לעצטע צייט, אויך וועגען פראלעטארישען לעבען און קאמף.

דער צווייטער פארלעזער איז געווען פריינד זעליג קאהען, א זעהר גוטער פארלעזער פון שלום עליכם'ס זאכען. ער האט פארגעלעזען „בעריל אייזיק" און „דריטע קלאס", און דער עולם האט זיך ממש „געקייקעלט" פון געלעכטער.

דער שרייבער פון די שורות איז גע־ווען דער טשערמאן און אויך ער האט עפעס בייגעטראגען אויפצוהאלטען די גוטע שטימונג ביים גרויסען עולם „אין וועלדעל, ביים טייכעל", וואו עס בלאזט אימער אזא מחיה'דיג פריש און דער־קוויקענד ווינטעל.

דאס איז, וואס אנבאלאנגט די „עקסטרא פיטשורס" פון די פאר טעג. היינט וואס איז מיט דער באשטענדי־גער אקטיוויטעט אין יוניטי הויז? די גימנאסטיקס, דאס באדען און שיפען זיך, דאס „הייקען" איבער די וועגען, דאס שפאצירען אין די וועלדער און דאס שעהנע צוזאמענלעבען אין אלגעמיין, טאג־איין, טאג־אויס?

וועגען דעם א צווייטען מאל.

ל. פינקעלשטיין.

איצט איז די בעסטע צייט צו פאהרען אין

די אינטערנעשאנאל יוניטי הויז

אין פארעסט פארק, פא.



ווי די יוניטי אימעניע זעהט אויס ווען מען קוקט ארונטער פון א עראפלאן.

דער שיינער פלאץ איז אפען פאר די מיטגלידער פון אלע לאקאלס פון אונזער אינ־טערנעשאנאל און זייערע פאמיליעס און פריינד.

א חוץ מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל ווערען אין דער יוניטי הויז אויפגענומען מעמבערס אויך פון אנדערע ארגאניזאציעס, און זאנסט אינטעליגענטע מענשען און פריינד פון דער ארבייטער־באוועגונג.

אין דער יוניטי הויז לעבט זיך ווי אין אן אמת'ען גן־עדן. עס איז דא א גרויסער טייך צו באדען און זיך צו שיפען; פארשיידענע גיימס און טעגליכע גימנאסטיקס; קאנצערטען, לעקטשורס, פארלעזונגען און פארשיידענע געזעלשאפטליכע אונטערהאלטונגען. עסען און טרינקען פון די סאמע בעסטע. טעניס און בעידבאל גיימס, באולינג עלים, בעסקעט־באל און וואס נים? יעדען אווענט שפילט אן ארקעסטער צו טאנצען.

רעדזשיסטרירט זיך באלד פאר ווען איהר ווילט ארויספאהרען

דער אפיס איז אפען ביז 7 אוהר אווענט, ארבייטער זאלען קאנען זיך רעדזשיסט־רירען געהענדיג פון דער ארבייט. דער רעדזשיסטריישאן אפיס איז אין דער אינטער־נעשאנאל בילדינג, 3 וועסט 16טע סט.

טעלעפאן טשעלסי 2148.

די יוניטי הויז קאמיטע

אב. באראף, טשערמאן.